STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11328

MENTSHN IN THOM

Isaiah Spiegel

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שײַע שפּיגל

מענטשן אין טהאָם

געטאָ-נאָוועלן

★

חיים שווארץ ביבליאטעק

בוענאס איירעס

1949

SCHAIE SCHPIGEL

En el Abismo

NOVELAS DEL GHETO

IMPRESO EN ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

EDITORIAL "ICUF"

Buenos Aires, 1949

געהייליקט דעם אָנדענק פון

מיין טעכטערל **עוואַ**, וואָס

איז אויסגעגאַנגען אין געטאָ

הילע געצייכנט
ב. סמענער

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון דער פעדעראַציע
פון די ל"ל־פאַריינען אין אַרגענטינע.

Este libro se terminó de imprimir el 5 de enero de 1949, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires.

אין דער ווידעראויפגעלעבטער ליטעראַטור אונדזערער נאָך דער וועלט־מילכאָמע פאַרנעמט די אומקום־ און אויסראָטונג־טעמאַטיק דאָס אָנגעזעענסטע אָרט. און נישט אומזיסט. עס איז נאַטירלעך דער דראַנג פונעם קינסטלער צו פאַרקערפּערן אין וואָרט די בלוטיקע בילדער פון דער מוירעדיקסטער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. ס׳איז אויפגעקומען פּאַראַלעל אַ גרויסע מעמואַרן־ליטעראַטור און אַ נאָוועליסטישע. סיי איינע, סיי די צווייטע צילן אין זייער ראָוו צו שילדערן די נאַצישע אַכזאָריעס, דעם כאַיעשן צושטאַנד, צו וועלכן פאַרשטייער פון מענטשלעכן מין האָבן אַראָפּגענידערט, די ליידן און פּיין פון זייערע קאָרבאָנעס.

שאַיע שפּיגל איז איינער פון די ווייניקע ייִדישע שרייבערס, וואָס שילדערן נישט דירעקט אָט די מענטשן־כאַיעס און זייער בלוטיקע אַרבעט. אין זיינע דערציילונגען זיינען די דייטשן קימאַט ווי נישטאָ. ער קלייבט אויס באַזונדערע טיפּן ייִדן און מאָלט זיי ווי ער זעט זיי אין באַזונדערע מאָמענטן פון דער גרוליקער צייט. ער האָט אָבער די פעיִקייט און טאַלאַנט צו לאָזן אונדז אומדירעקט און

קעסיידער די קאָשמאַרפולע סוויווע און די בלוטיקע אַטמאָספער, אין וועלכער זיינע העלדן באַוועגן זיך, לעבן, ליידן און שטאַרבן, ווערן באַהערשט פון קליינלעכער גיריקייט, פון עגאָיזם, אָדער דער־הייבן זיך צו שטילן וווּנדערלעכן העראָיזם און אַנטפּלעקן די אומ־ענדלעכע שיינקייט פון דער מענטשישער נעשאָמע.

די דאָזיקע זאַמלונג דערציילונגען, וואָס עטלעכע פון זיי קענען באַצייכנט ווערן מאַמעש ווי פּערל, איז אַ גאָר וויכטיקער בייטראָג צו אונדזער ליטעראַטור, און דער פאַרלאַג „איקוף" דערלאַנגט זי מיט דער גרעסטער באַפרידיקונג דעם יידישן לייענער.

ניקי

אננא יאקאוולעוונא טעמקין, די אלמאנע פונעם פוטער־סויכער יאקוב שימאן טעמקין, האט נאר באוויזן אראפצוכאפן פונעם פארמאכטן שווארצן קלאוויר דאס קליינע איינגערעמטע פאטאגראפיעלע פון איר פארשטארבענעם מאן, בעיס דער דייטש איז שוין געשטאנען אף דער שוועל פון דער אויפגעפראלטער טיר און געווארפן אין שטוב אריין א כוואליע מיט הייזעריקע קוילעס:

— ר־ר־אורס־ס!!

איינגנטלעך איז אין גאנצן הויז שוין נישט געווען קיין איינאיינציקער ייד און אז די אלמאנע האט נישט געהערט די יעלאלעס אפן הויף פון די לויפנדיקע יידן איז עס נאר געווען דערפאר, וואס זי איז געווען אף דער עלטער שטארק טויבלעך און גראד היינט אינדערפרי, איידער ס'האט זיך נאך אריינגעריסן אביסל ליכט דורך די שווערע גארדינען, האט זיך איר פארגלוסט צו עפענען דעם קלאוויר, דעם גרויסן, שווארצן קאסטן — און אירע אלטע פארמעטענע פינגער האבן זיך געגליטשט איבער די פארגעלטע קלאווישן. מען קען נישט זאגן, אז דאס איז געווען א ניגן, ווארעם אירע פינגער האבן שוין זינט יארן געציטערט פון אלטקייט, געווען אויסגעטריקנט ווי אלטע צעפאלענע קארע. פונדעסטוועגן איז דעם גאנצן פרימארגן ארומגעגאנגען אין אירע טויבלעכע אויערן דאס ווידערקאל פון די עטלעכע קלאנגען און דאס איז אויך געווען די סיבע פארוואס די אלטיטשקע האט אפילע נישט געהערט דאס געשריי פון דייטש אף דער שוועל.

גראד דעמלט ווען דאס איז געשען — איז דער הונט ניקי געלעגן

לעבן די גרויסע אראפהענגענדיקע גארדינען און דארט געדרימלט א זקיי-
ניש-הינטישן דרימל, דאס שפיציקע מויל אויסגעצויגן אף זיינעביידע
ארויסשטארצנדיקע פאדערשטע פיס. ער איז שוין געווען אלט, דער הונט
ניקי, מיט אן אויסגעקראכענער הינטישער פעל, פון וואנען ס'האבן ארוים-
געקוקט אביסל העלערע פלעקן פון זאמד-קאליר. זיינע פיס זיינען געווען
שוואכלעך און נאר די אויגן זיינע — גרויסע, ברוינלעכע מיט א לויטערן
בלאען אפגלאנץ פון מעטאל האבן נאך דערמאנט פון אמאליקער שפי-
לעוודיקער הינטישער יוגנט.

די אלמאנע מיטן הונט האבן געלעבט אין הויז אן אפגעצוימט, איינ-
זאם לעבן. ניקי איז ארומגעגאנגען אין די כאדארים מיט זיינע שווערע,
ווייכע פיס, דעם קאפ אביסל אראפגעבויגן און געוויגט זיך א טרויערי-
קער און פארשוויגענער פון מידע מאכשאוועס פון אלטקייט. ער איז אהער
געקומען צו די טעמקינס פון ערגעץ א פאלווארק נאך באם לעבן פון איר
מאן יאקוב שימאן טעמקין. נאכן טויט פון באלעבאס פלעגט די אלמאנע
גאנצע טעג זיך צוהערן צו די באוועגונגען פון ניקין אין דער טויטלעכער
פארגליווערטקייט פון די שטובן. אז זי פלעגט זיצן באם טיש און ניקי
איז געווען קעגנאיבער אין שלאף-ביידער, וואו ער פלעגט גאנצע טעג
נישט ווען אפטרעטן פונעם פארשטארבענעמס בעט — איז איר אויס-
געקומען ווי אינדרינען, אינעם שלאפצימער, וואלט ווידער ארומגעגאנגען
איר פארשטארבענער מאן אין זיינע ווייכע פרימארגן-פאנטאפל. זי האט
זיך איינגעהארכט אינעם מינדסטן גערויש פון דרינען, אנגעשפיצט די
טויבלעכע אויערן און א בלייכקייט האט זיך געזעצט פלוצים איבער איר
אלטן פארוועלקטן שטערן. זי האט באשיינפערלעך געהערט די ווייכע, פא-
מעלעכדיקע טריט פון איר מאן יאקוב שימאן טעמקין. באלד וועט ער זיך
אוואדע באווייזן אף דער שוועל, זיך אוועקזעצן אפן פלושענעם פאטעל,
אויסציען די האנט צום פלעד און אים אריבערווארפן איבער זיינע ביידע
ציטערדיקע קני, וואס האבן לאנגע יארן געליטן נאך א געלענק-אנצינדונג.

צווישן דער אלמאנע אננא יאקאוולעוונא טעמקין און איר אלטן הונט
ניקי איז אנטשטאנען א מין דין געוועב פון יענעוועלטיקע ראיוינעס און
כאלוימעס. זי האט אין זיין אראפהענגנדיקן אלטן קאפ, אין זיין אלט-
געווארענער פעל און אין פייכטן בליק פון זיינע בלאלעכע אויגן-אפלען
געזען א פלאטערדיקן שאטן פון איר מאן. צי איז עס געווען דערפאר וואס

ניקי האָט זיך יאָרן אַרומגערינגלט מיטן באַלעבאָס און ווי יעדער הונט געווען גרייט צו שטרעקן ס'לעבן פאַר אים, צי דערפאַר וואָס ער האָט מיט דער צייט איבערגענומען דעם באַלעבאָס וואַקלדיקן, ווייכן גאַנג אי־בער די טעפּיכן, זיין אַראָפּהענגענדיק מויל מיט די פאַרלאָפענע אויגן, אַזוי צי אַזוי, די אַלמאָנע אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין האָט קיינמאָל נישט אַרומגענומען דעם הונטס קאָפּ אָן אַן אינערלעכער אומרו, בעיס זי האָט אים געגלעט איבער זיין אַלטער אויסגעקראָכענער פעל. צווישן ביידן איז געווען אַזוינס, וואָס אַנשטייט צווישן איינזאַמע לעבעדיקע באַשעפענישן — צווישן מענטש און כאַיע: אַן אינעווייניק וואַרעם בינדנדיק געפיל, וואָס גרענעצט מיט ליבשאַפט און מעסירעס נעפעש.

ווי נאָר דער דייטש איז געבליבן שטיין אַף דער שוועל בײַ דער אויפגעפראַלטער טיר און איידער די אַלמאָנע האָט נאָך אַראָפּגעכאַפּט פונעם קלאַוויר די איינגערעמטע פאָטאָגראַפיע פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן — איז שוין ניקי געשטאַנען לעבן דער שוועל. ער האָט אויפגעהויבן זיין אַלטן קאָפּ קעגן דעם דייטש, צעעפנט זיין ברייט מויל, פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעקוקט די לעצטע נישט אַרויסגעפאַלענע אַלטע ציין און מיט אַ ווילדן דריימאָליקן געוואָי זיך געלאָזט דעם דייטש גלייך אין פּאָ־נים אַריין.

מען האָט געזען ווי ניקי האָט פּלוצעם שטראַמער אָנגעצויגן זיין רוקן, געצאַפּלט מיט זיינע אַלטע פיס, געלאָפן אומרויק פון אָרט צו אָרט און געווען גרייט זיך וואַרפן אַפן דאָזיקן פרעמדן מענטש אין זיין גריגעם מעשונעדיקן מונדיר. די אַלטקייט זיינע איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן, די פיס האָבן זיך אויסגעגליכן און נאָר אַ הייסע סלינע האָט געגאַווערט פון זיין געעפנט מויל מיט אַ הינטישער ווילדקייט, סיטשענדיק דערביי ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: — כ'ווייס... כ'ווייס... דו ביסט אונדזער סוי־נע... דו ביסט אונדזער סוינע... נאָר וואַרט... וואַרט...:

דער דייטש אַף דער שוועל איז אַף אַ רעגע צעטומלט געוואָרן. ער האָט זיך ווי פאַרלוירן פאַר דעם צעגליטן פייער, וואָס האָט זיך געגאָסן פון דעם אַלטן הונטס אויגן. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן לעדערנעם געווער-טעשל. די אַלמאָנע האָט אין אַ ציטערדיק קאָל אויסגעשריגן:

— גנאָדע, האָבן זי דאָך גנאָדע... איין אָרעמעס, אומשולדיקעס טיר...

זי האָט מיט איר אַלטן גוף איינגאַנצן פאַרשטעלט ניקין פאַרן דייטש

און הינטערוויילעכטס אים גענומען גלעטן און באַרויקן מיט די הענט. ער איז אַף אַ רעגע שטיל געבליבן און געצאַפּלט ווי אַ געבונדענער אין דער אַלטערס הענט. די אַלמאַנע האָט אים לעסאַף אַ שלעפּ געטאָן פאַר דעם אַראָפּהענגענדיקן קייטעלע און ביידע זיינען זיי פאַרשוואונדן דורכן פינצ-טערן קאָרידאָרל גלייך אַף דער גאַס אַרויס.

אַדורכלויפנדיק דאָס קאָרידאָרל האָט אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין נאָך מיטגעכאַפּט דאָס שוואַרצע שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע, וואָס איז דאָרט טאָמיד געהאַנגען. אָן דעם דאָזיקן שטעקעלע, וואָס איז איר פאַרבליבן נאָך איר מאַן יאַקוב שימאָן טעמקין, האָט זי בכלל נישט געקענט קיין טריט טאָן אַף אירע דאַרע, אַלטע פיס.

זי איז איצט געגאַנגען אַף דער גאַס אָנגעלענט אַף דעם שוואַרצן שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע, מיט דער אָפּגעראַטעוועטער פאָ-טאָגראַפיע אין בוזים און באַם קייטעלע געשלעפּט דעם הונט. מען קען נישט זאָגן אַז אירע אויגן האָבן געזען וואָס אַרום איר טוט זיך. ס׳איז געווען פּראַסטיק, אַ בלאָלעכער באַגינען. די גאַס, די הייזער, די טראָ-טואַרן האָבן זיך געהילט אין אַ בלאָלעך זילבערן געוועב פון פרימאָרגן-נעפּלען, וואָס עס שפּינט אויס דער פריער פוילישער ווינטער. די פענצ-טער פון די דורכלויפנדיקע מענטשן זיינען געווען געלע, בלייכע. ניקי האָט נאָך אַלץ געטאַמלט און זיך געהאַלטן אין איין רייסן אַף צוריק. ער האָט נישט געוואוסט וואו די באַלעבאָסטע פירט אים. טיילמאָל האָט ער זיינע אויגן אָנגעהאַנגען אַף דער אַלמאָנעס פּאָנעם און זי האָט גייענדיק אַזוי מיט איינמאָל דערפילט אָן אייזיקע קעלט אַף איר אַלט האַרץ. אַ דינע איימע איז זי באַפאַלן. פון דעם הונטס אויפגעהויבענע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער פייכטער טויטער בליק פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן יאַקוב שימאָן טעמקין. און אָט זיינען זיי ביידע דאָ, צוגעקייטלטע איינער צום צווייטן אינעם געוועב פון די זילבערנע פראָסט-נעפּלען, וואָס וויק-לען זיך הינטערן נידעריקן, פינצטערן הימל. זיי גייען ביידע שוין אָנגע-לענט איינער אין צווייטנס אָרעם שווייגנדיקע מיט מידע אַראָפּהענגענ-דיקע קעפּ. קאַלטע, בייזע מאַכשאָוועס צינדן איר אַלטן, פאַרדרימלטן מויעך. זי הערט שוין באַשיינפּערלעך אַ קילן אָטעם וויקלען אַרום איר אויער און זי הערט ווערטער ווייטע, קאַלטע און אויסגעלאָשענע.

די אַלמאָנע, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן געלעבט אָפּגעצוימט פון יידן

און יידישקייט האט זיך פלוצים ווי אויפגעכאפט פון א הינערפלעט. אייגנטלעך האט מען זי דאך געטריבן פון שטוב ווי א יידן צוזאמען מיט אלע יידן, כאטש מיט אזוי פיל יאר צוריק איז איר שוועל שוין געווען פארגוויישט: דער איינציקער זון, וואס האט זיך געשמאדט און כאסענע געהאט מיט א קריסטן איז נאך לאנג פאר דער מילכאמע אוועק ערגעץ קיין גאליציע און דארט געלעבט אינעם פאלווארק פון זיין ווייבס עלטערן. אף די כאגאעם פלעגן אנקומען צו דער אלטער מאטאנעם פון זון. זי האט פריער שוין געוואוסט וואס אזוינס דער זון שיקט איר יעדעס יאר. א גרויסן, אויסגעפאשעטן, גוט-פארפעקלטן אינדיק און א האלבן שאק קאלירטע כאגע-אייער. מיטן אינדיק האט זי זיך ווי עס איז אן אייצע געגעבן, אבער צו די קאלירטע כאגע-אייער האט עפעס די אלטע געהאט א פרעמד און טויט געפיל. זיי זיינען געבליבן טאקע, די אייער, ליגן גאנצע כאדאשים, א שטויב האט זיך געזעצט אף זייער קאלירטער סקארלופע, ביז זי פלעגט זיי איינציקווייז צעפיצלען אין די אונטן, אונטערן ליכט פונעם ברייטן זשיראנדאל און שפעטער ארויסלייגן אפן ווענעציאנער פענצטער-ראם פאר די הונגעריקע ווראבלעם.

זי אליין איז שוין פון די קינדעריארן אן געווען פרעמד פון יידישקייט און יידן. גאנצע יארן האט מען איבערן שוועל נישט געזען קיין יידיש פאנעם. די מילכאמע, וואס איז אראפגעפאלן אף דער שטאט אזוי פלוצים, האט אין די ערשטע טעג אפילע נישט דערגרייכט צו דער אלמאנעם גרויסע און גרוימע צימערן. די יידישע בעהאלע האט אהער נישט דערגרייכט און דער דרויסנדיקער בייזער אנזאג פון א פינצטערן שטורעם האט זיך נישט אנגעשלאגן אין דער שוועל פון איר אפגעצוימטער דירע.

ערשט דער דייטש, וואס האט היינט אויפגעפראלט בא איר די טירן, האט די אלטיטשקע אויפגעוועקט פון דער פארגליווערטקייט און זי דערמאנט, אז אייגנטלעך איז זי דאך א ייד און אז איצט זיינען געקומען שווערע, שווערע צייטן פאר איר און פארן גאנצן יידישן פאלק.

און כאטש די אלטיטשקע האט זיך דורך די צענדליקער יארן פון איר לעבן געפילט אפגעריסן פון יידישקייט און יידן האט זי דאך אויפגענומען דעם פלוצימדיקן גרויל מיט האכנאע און איינגעבראכנקייט, גראד ווי עפעס אן אומזעבארער פאדעם וואלט זי געהאלטן די אלע יארן פארבונדן מיט איר פאלק. זי איז איצט געגאנגען אף דער גאס מיט עפעס

אזוי פיל מענטשן, וואָס האָבן געהאַט ווייטע, פרעמדע פענעמער. זי האָט
דערקענט די דאָזיקע פענעמער פון די אַמאָליקע יונגע יאָרן אירע, פענע־
מער אַרומגערינגלט מיט שוואַרצע צעפּלאָשעטע יידישע בערד און אַף די
קעפּ — קליינע רונדיקע היטעלעך, פון וואָס דער מאַן איר׳ער יאַקוב שי־
מאָן טעמקין פלעגט אזוי פיל אַפּלאַכן בעיים זיין לעבן. יידן אין קאַפּאָ־
טעס, ווייבער אין שייטלען און אין שטערנטיכלעך האָבן געשלעפּט זייע־
רע קינדער באַ די הענט. אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין איז איצט געגאַנ־
גען מיט עפּעס אַ פריידיקער וואַרעמקייט אין איר קאַלט האַרץ, אָנגעלענט
אַף דעם שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע און מיט דער לינקער
האַנט געפירט דעם הונט ניקין. די דורכלויפנדיקע יידן האָבן אַף איר
מיטן הונט צוגעוואָרפן פון דער זייט בייזלעכע בליקן. ניקי איז די גאַנ־
צע צייט געגאַנגען מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן קאָפּ און אויסגעלאָשענע
אויגן. ערגעץ פון האַמוין האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ קליין געפלעקט
הינטל, צוגעלאָפן צו ניקין, אַרויפגעלייגט אַף אים זיין האַלדז, ווי ער
וואָלט געזוכט באַ אים טרייסט און ביידע הינט זיינען שוין איצט גע־
גאַנגען איינער לעבן צווייטן. אַריינקומענדיק אין אַ צווייטער גאַס האָט
ניקי דערפילט די פרעמדע סוויווע. ס׳איז געווען אַ שלעכט־ברוקירט געסל,
מיט אָפענע לעכער און דער געדראַנג איז דאָ געווען אַ גרעסערער. ער
האָט זיך קוים אַרויסגעפּלאָנטערט פון צווישן די טויזנטער בייזע פיס.
מען האָט אים געטראָטן אַף די לאַפּעס און איינמאָל איז זיין באַלעבאָסטע
שיר נישט אומגעפאַלן. די אַלטיטשקע האָט אויפגעהויבן העכער דעם קאָפּ
און זיך דערזען טראָגן דורך אַ ריזיקער מאַסע פון יידן. זי האָט מיט איר
האַנט פעסטער צוגעדריקט דאָס קייטעלע צו זיך און יעדעס מאָל באַשיצט
ניקין פון אַ זייטיקן טריט. לעבן איר איז שוין איצט דער הונט געגאַנגען
אַליין מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן טרויעריקן קאָפּ. דינע, פייכטע שניי־
שטערן האָבן זיך געדרייט אין דער לופט, נישט געוואָלט אַראָפּפאַלן אַף
דער ערד און זיך געזעצט אַף ניקיס גראָער איינגעוויקלטער פעל.

***

ס׳איז געווען אַ שמאָל אָרעם געסל אין דער באַלוטער העק פון פּור־
מאַנעס, טרעגער און דאַרע יידישע גאַסן-מיידלעך, וואו די אַלמאָנע אַננאַ

יאַקאָוולעוונאַ טעמקין איז אַריינגעפאַלן מיט איר הונט. זי איז דאָ אָנ־געקומען מיט אַ מאַכנע פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַלד צעלייגט אין אַ ליידיקער גרויסער שאַפע. די יידישע גאַסן־מיידלעך האָבן אָפּגעגנ־געטראָגן גוט ווייס געבעקס. ס׳זיינען געווען די ערשטע טעג, ווען די גע־וועלבלעך זיינען געווען נאָך איבערפולט מיט שפייז, ערשט שפּעטער האָט דער גאַנצער באַלוטער שטעטל געזאָלט אָפּגעצוימט ווערן פון דער אַרו־מיקער וועלט. די אַלמאָנע איז געזעסן אין דער שאַפע אָנגעלענט אַף דער זילבערנער גאָלקע מיט איר צעשויבערטן גראָען קאָפּ, בעיים ניקי האָט אָן אויסגעצויגענער באַ אירע פיס איינגעזאַפּט אין זיך דעם בייזן געטומל פון פרעמדע מענטשן.

ס׳האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט ביז אַלע פון דער שאַפע זיינען איינקוואַרטירט געוואָרן אַפן הויפל. די אַלמאָנע אננאַ יאַקאָוולעוו־נאַ איז אָנגעקומען צו דער הויכער רויזע אין דער פּאַציאַטקע. די הויכע רויזע האָט זיך געוואָרפן און בעשום אויפן נישט געוואָלט אַריינלאָזן דעם הונט. „כ׳האָב געגנוג, אַז כ׳נעם אַריין אַ מעשומעדעם — האָט זי אָן אויפהער געשריגן — צו וואָס דאַרף איך נאָך אַן אַלטן קראַנקן הונט אַף מיין קאָפּ?"

אננאַ יאַקאָוולעוונאַ איז געשטאַנען אַף דער שוועל פון דער פּאַציאַ־טקע, דער הונט לעבן אירע ציטערדיקע פיס און פון ביידנס אויגן האָט געשלאָגן אַ פּייכטלעכער אָפּגלאַנץ פון מענטשישער און הינטישער פאַר־לוירנקייט.

— שטיל... שטיל... שטיל... — האָט איר אַלטע געלע האַנט געצי־טערט און זיך אַראָפּגעלאָזט איבער ניקיס אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ.

דאָס צימערל, וואו די הויכע רויזע האָט געוואוינט, איז געלעגן אונ־טערן שיפּן דעכל. הינטער אַ קאַלירטן פאָרהאַנג איז געשטאַנען אַ נידע־ריק, צעטראָטן סאָפעלע, פאַרוואָרפן מיט אַ טוץ געלע און רויטע קישע־לעך. ס׳איז איצט געווען טריבלעך־פינצטער אונטערן בעליק. פאַרן פענצ־טער איז געשטאַנען די באַלוטער פרעמדע נאַכט, צעדריוולט מיטן ערשטן פראָסטיקן זילבער. אין די קרומע ליכט־פאַסן פון פּאַציאַטקע־פענצטערל האָט דאָס נאַכט־זילבער זיך געקייטלט און געפאַלן אַף די שויבן אין טאַנ־צנדיקע ווייסע שטערן.

די אַלמאָנע מיטן הונט האָבן באַקומען אַ ווינקל אַ פינצטערס, אַן

עקיקס, וואו אַ טוכלע וואַרעמקייט האָט זיך געהאַלטן אין כאָלעל, ווי די וואַרעמקייט פון אַ פאַרמאַכטן קעלער. אין דער פּאַציאַטקע איז עפּעס טאָמיד געשטאַנען אַ זויערלעכער אָווער פון זינד, טייווע און בייז. די אַלטע האָט נישט געוואוסט וואו זי איז אַריינגעפאַלן. עס איז איר סייווי געווען אַלצאיינס. זיי האָבן זיך ביידע, די אַלמאָנע מיטן הונט, אַראָפּגעלאָזט אינעם ווינקל און געזעסן לאַנג אין דער פינצטער ווי גרויסע פאַרגליווערטע שאָטנס פון פאַרשטאָרבענע. פון צייט צו צייט האָט בלויז ניקי פאַרלייגט זיין קאָפּ אויף דער אַלטערס קני און פון דעם פינצטערן ווינקל האָט זיך געטראָגן אַ ווייך הינטיש געוואָי, לאַנג און צעצויגן, ווי דאָס געוויין פון אַ קראַנקן, פאַרלאָזטן מענטשן.

שפּעטלעך באַנאַכט, אַז די אַלטע מיט ניקין האָבן זיך אויסגעצויגן אינעם ווינקל איבער אַן אַלטן צוגעוואָרפענעם מאַלבעש, האָט די הויכע רויזע זייער געדיכט פאַרוקט דאָס פאָרהענגל, וואָס האָט געטיילט דאָס אַלטע סאָפּקעלע פון דעם רעשט ביידערל. דאָס נאַכט-לעמפּל אויף דער וואַנט האָט זיך שוואַך געטוקט און אַ רויטלעך, בייז פלעמל האָט געלעקט די טוכלע פינצטערניש פון אַרום.

ערשט איצט, אַז ס'איז געוואָרן זייער שטיל, האָבן זיך אין דער טונקלקייט פון דער שוועל באַוויזן ברייטע, פלאַטערנדיקע שאָטנס פון מענטשן. די שאָטנס זיינען אַריין איינציקווייז, געבליבן שטיין אַ רעגע אויף דער שוועל, זיך אַרומגעקוקט און פאַרשוואונדן הינטער דעם רויטן פאָרהענגל. אין פינצטערן קאָרידאָרל, הינטער דער טיר, האָבן זיך דערווייל געזאַמלט אַנדערע שאָטנס און געוואַרט די טיר זאָל זיך עפענען. זיי האָבן לאַנג נישט געוואַרט. מיט אַ שעדיש געאייל זיינען די שאָטנס אַרויסגעשפּרונגען צוריק פון הינטערן פאָרהענגל און פאַרשוואונדן דורך דער פּאַציאַטקע מיט די פינצטערע שטיגן אַראָפּ.

די אַלמאָנע האָט שוין געדרימלט. טיילמאָל האָט זי זיך איבערגעוועקט און אַרומגענומען דעם וואַרעמען האַלדז פון ניקין. די גאַנצע צייט האָט דער הונט געזעגט אין זיך אַ ווייך הינטיש כאָרכלען. יעדעס מאָל, אַז די טיר האָט זיך געעפנט און אַ שאָטן איז אַרונטערגעלאָפן הינטערן פאָרהענגל, פון וואַנען ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויקלט אַ דין, מעכאַשייפעדיק געלעכטערל פון דער הויכער רויזע — האָט ער אָפּסניי אָנגעהויבן ציען זיין הינטיש געוואָי פון דער פינצטער אַרויס. דאָס וואָרטשען

פון הונט האָט די הויכע רויזע געריייצט. זי איז איצט געשטאַנען אַ האַלב-נאַקעטע באַם אויפגעפראַלטן פאָרהענגל און פאַכנדיק מיט אירע הענט געשריגן צו דער אַלמאַנע אין ווינקל אַריין:

— מאַדאַמשי... אַ בראָך איז צו אייך!... עפּשער וועט די מאַדאַם אביסל אַרויסגיין מיטן קעלעוו אָפּן גאַניק?... ער פאַריאָגט דאָך מיר אַלע... צו אַלדי שוואַרצע יאָר... כ'וועל אים אָפּסאַמען, דעם קעלעוו...

די איבערגעוועקטע אַלמאַנע האָט זיך דערשראָקן פאַר דער הויכער רויזעס אָפּגעדעקטער נאַקעטקייט, פון וואַנען ס'איז געגאַנגען אַ קיצל-דיקער בייזער גערוך.

— ש־ש־ש — האָבן אירע ליפּן בלויז שוואַך אַרויסגעפּליסטערט — ש־ש טייערינקע, ש־ש־ש־ טייערינקע... ש־ש־ש...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון ווינקל, אָנגענומען ניקין פאַרן קאָפּ און אַרויס.

דורכן שמאָלן פינצטערן קאָרידאָרל זיינען זיי ביידע, די אַלמאַנע מיטן הונט, שטיין געבליבן אָפּן ליידיקן גאַניקל. אונטער זיי איז געלעגן אַ קנויל פון פינצטערע באַלוטער געסלעך. ס'איז געווען שטאָק-פינצטער. דער ווינט האָט נאָר אַהערגעטראָגן און צעשפּרייט אַ גראָע שיטערע וויים־קייט פונעם נאַכט-שניי, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט אין כאַלעל. פון דאָרעם-זייט פון שטאָט האָבן אַהערגעבלינצלט דורכן נאַכט-נעפּל די אָנ-געצונדענע עלעקטרישע גאַסן-לאָמפּן אויף די הויך־שטאָקיקע ביניאָנים פון דער שטאָט. די אַלמאַנע האָט געקוקט אין די דאָזיקע ווייטע פלעמלעך, וואָס האָבן זיך געלאָשן און פונסניי אָנגעצונדן דאָ און דאָרט, ווי רויט-אָנגעצונדענע אויגן.

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו ניקין און מיט אַ ווייך קאָל אים גע-פּליסטערט איבערן קאָפּ:

— זעסט? — אָט דאָרט... דאָרט... ניקי... אונדזער היים... אונדזער גאַס... אונדזער שטוב...

דער הונט האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, געשטעלט זיך אויף די הינ־טערשטע פיס און געקוקט אין דער פינצטערניש אַריין. אַ רעגע איז ער אַזוי געשטאַנען אַרומגענומען מיט דער אַלמאַנעס אָרעם. פּלוצים האָט ער זיך געלאָזט אין אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם וואָיען. דאָס געוואַלד האָט אַ ריס געטאָן דעם פינצטערן הימל ווי אַ בליץ, זיך צעשלענגט אונטער

די וואָלקנס און דערנאָך זיך אויסגעלאָשן אין דער קאַלטער פינצטערניש פון דער ערד.

***

צומאָרגנס, ווי נאָר ס'האָט געגראָט אַף טאָג, און די אַלמאָנע אַננאַ יאַסקאָוולעוונאַ טעמקין האָט זיך אַ דערפּרווירענע אויפגעכאַפּט פון איר ווינקל — איז דער הונט מער שוין נישט געווען. וואו ער איז פאַרשוואונדן האָט קיינער נישט געוואוסט. די הויכע רויזע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שרייען, אַז דאָס איז נישט קיין הונט נאָר עפּעס אַ שעד, האָט אַפילע נישט געהערט ווען דער הונט זאָל האָבן אַרויס פון שטוב. אַ גאַנצן טאָג איז ער נישט געווען. ערשט קעגן אָוונט האָט זיך אין דער טיר דערהערט אַ דראַפּען. ער איז אַריינגעפאַלן אין ווינקל אַ צעיאָכמעטער, מיט רינ־נענדיקן שוים פון דער אַרויסהענגענדיקער צונג און זיך געוואָרפן אין דער שוים פון דער איבערגעשראָקענער אַלמאָנע.

ניקי איז געלעגן אַף איר אַלטער קני און אינגאַנצן געצאַפּלט פון עפּעס אַ פריידיק־פלאַמענדיקער הינטישער נערווטקייט. די אַלמאָנע האָט אַרומגענומען זיין ציטערדיקן קאָפּ און לאַנג געקוקט אין זיינע פייכטלעכע אויגן־אַפּלען ווי אין צוויי איינגערעמטע קוועלעכלעך. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מיטן הונט איז געשען. ער האָט אַריינגערעוועט אין זיך שטומערהייט, אין זיין הינטיש שטום־לאָשן האָט געצאַפּלט אַ נישט־אויפגעבונדן כאַיעש וואָרט, אַ קנויל פון הייזעריקע קוילעס, וואָס האָט געזוכט אַן אויפן ווי אַזוי דעם אַלטן אַריבערגעבויגענעם מענטשן צו דערציילן, דערציילן אַזוי ווי עס טוט דאָס אויסגעפורעמטע וואָרט פון דער מענטשלעכער צונג. זיין גאַנצע פעל האָט נעציטערט און דוכט זיך, אַז זיין שמאָל הינטיש פּאָנעם האָט געהאַט די פאַרקרימטע טנוע פון אַ הינטיש כליפּען. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין וויינען, נאָר גיכער אַ טאַמלדיק העשן פון פרייד און טרייסט. ער האָט אַלע ווײַלע אויפגעהויבן זיינע פאָדערשטע פיס און זיי דערלאַנגט דער אַלטער אַף אירע קני. די אַלמאָנע האָט זיי אַרומגענומען מיט אירע פינגער, זיך נענ־טער אַריבערגעבויגן איבער אים, זיי צוגעטראָגן צו אירע אַלטע פאַר־זועלקטע ליפּן און לאַנג, לאַנג מיט פאַרמאַכטע אויגן געבליבן ליגן איבער זיי מיט אַ געזונקענעם קאָפּ...

עס איז געווען אויסטערליש דאָס אַלץ. אין דער פינצטערניש פונעם ווינקעלע איז די אַלמאָנע לאַנג געזעסן אַרומגענומען מיטן הונט, בעיים דאָס נאַכט-לעמפּל, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געברענט מיט אַ דערשראָקן, אַראָפּגעלאָזט קנויטל הינטערן פאַרהענגל, האָט געוואָרפן אַ רויטלעך געשפּענסטיק געוועב איבער די טונקעלע ווענט. אַפן בעליק האָט זיך געוויגט אין אַ נעץ פון טאַנצנדיקע שאָטנס די שאַרפע, שמאָלע שפּיציקייט פונעם הונטס קאָפּ, און אייגגערעמטער אין דער אַלמאָנעס דלאָניעס.

דאָס אַנטלויפן פון ניקין פון שטוב איז נישט געווען קיין איינמאָליק געשעעניש. צומאָרגנס איז ער ווידער נעלעם געוואָרן אַף אַ גאַנצן טאָג און ערשט צוריקגעקומען קעגן אָוונט. דאָס האָט זיך איבערגעכאַזערט אַזוי טאָג נאָך טאָג. קיינער האָט נישט געוואוסט וואו דער הונט ווערט פאַרשוואונדן.

אין דער זעלבער צייט איז דאָס געווען ווען דער דייטש האָט אויפגעשטעלט אַ צווים אַרום געטאָ. דינע, שטעכיקע דראָטן האָבן אָפּגעצוימט די באַלוטער געסלעך פון דער שטאָט. קיין מענטש האָט שוין נישט געקענט נישט אַריין און נישט אַרויס. אָבער ניקי פלעגט פונדעסטוועגן ווייטער פאַרשווינדן יעדן טאָג און צוריקומען ערשט מיט דער אָוונט-דעמערונג.

איינמאָל איז ניקי צוריקגעקומען ווי טאָמיד אַ צעיאַכמעטער און בעיים די אַלטע האָט אַרויפגעלייגט אירע הענט אַף זיין קאָפּ, האָט זי זיי גיך צוריקגעכאַפּט: אירע דלאָניעס זיינען געווען פול-פאַרקלעפּטע מיט בלוט. די פעל אַף זיין רוקן איז געווען צעשפּאָלטן און צעראַצט פון וואונדן. ער האָט ווי טאָמיד אַוועקגעלייגט זיינע לאַפּעס אַף איר שויס. זיינע אויגן-אַפּלען זיינען דאַסמאָל געווען רויטלעך, אַנגעצונדענע און נאָר גריינע פלעמלעך האָבן זיך געצונדן און אַרומגעטאַנצט אין די שוואַרצע וואַסערלעך פון זיינע אַפּלען.

איינס נאָך איינס האָט די אַלמאָנע געלייגט נאַסע טיכעלעך אַף די אָפענע וואונדן פון דעם הונטס פעל. אין דער פינצטערניש, וואו די אַלמאָנע מיטן הונט האָבן געהאַט זייער געלעגער, איז פּלוצים אויפגעגאַנגען אַ העלע טרייסטנדיקע ליכטיקייט. ערשט איצט האָט זי געוואוסט: דער הונט גאַנוועט זיך דורך די דראָטן... יעדן טאָג לויפט ניקי אין שטאָט אַריין... יעדן טאָג לויפט ער אַהיים... זי האָט אָן אויפהער געלייגט די

טיכעלעך און געוואשן פון אים דאס ווארעמע בלוט. די הויכע רויזע אליין האט געהאלטן אין איין צוטראגן שעפן מיט וואסער. דאס בייזע הארץ, וואס זי האט געטראגן די גאנצע צייט צום הונט, איז מיט אמאל פארשוואונדן. איר הארץ האט אויפגעטייעט מיט ראכמאנעסדיקער ווארעמקייט צום שטומען באשעפעניש. זי האט ארויסגעצויגן פון דער קאמאדע א ווייס קורץ העמדל, עס צעריסן אף שמאלע פאסן און פון ערגעץ א שופלעדל אויסגעזוכט א זאלב, וואס איז גוט פאר מענטשישע וואונדן. זי האט אנגעשמירט די צעריסענע העמדער־פאסן מיט דער זאלב און דערנאך אנידערגעקניט אינעם ווינקל לעבן ניקין. זי האט אנגעהויבן ארומבינדן די צעריסענע וואונדן פון הונטס פעל. יעדע רעגע האט ניקי אויסגעדרייט צו איר דעם קאפ. זיינע אויגן זיינען געווען פולע, איבערגעלאפענע מיט א ווארעמער פייכטקייט. ער האט לאנג נישט אוועקגענומען פון איר די אויגן. פלוצים האט זיך די הויכע רויזע פאר עפעס דערשראקן. ס'איז איר געווארן קיל אונטערן הארץ. א יענערוועלטיקער פאכעד האט א פלאטער געטאן איבער איר פאנעם מיט א קאלטן, פארגלאזטן אטעם. זי וואלט געשוואוירן בא אלץ וואס איז הייליק, אז בעיים זי האט ארומגעבונדן זיינע אפענע וואונדן האט דער הונט דעמלט געקוקט אף איר מיט א טרויעריק מענטשלעך פאנעם. די אויגן זיינע, האט זי באשיינפערלעך געזען, זיינען געווען איבערפולט מיט ווארעמע מענטשישע טרערן.

***

פון יענעם טאג אן, בעיים די הויכע רויזע האט מיט די אייגענע הענט פארבונדן ניקין די אפענע צעשניטענע פעל, וואס איז אים געקומען פון אדורכרייסן זיך דורך די דראטן פון געטא־צוים — פון דעמלט אן האט זי זיך אויך אינגאנצן געביטן צו דער אלמאנע אננא יאקאוולעוונא טעמקין. זי האט אראפגענומען דאס פארהענגל, וואס האט געטיילט דאס ביידערל אף צוויי און מער איבער דער שוועל נישט אריינגעלאזט קיין זאנצבילן. זי האט ארויסגעבעטן די אלטיטשקע פון איר פינצטערן ווינקל ארויס טיפער אין ביידערל אריין. אלע דריי, ביידע ווייבער מיטן הונט, זיינען געזעסן אף דער נידעריקער סאפקע. ניקי איז געלעגן ארומגעבעט מיט די קאלירטע קישעלעך און געזונקען אין א שווארצן זקייניש דרימל.

דאָס איז געווען אין דער זעלבער צייט ווען דער דייטש האָט נאָכן אויפשטעלן דעם צוים געגרופן די יידן אָפּצוגעבן זייערע הויז-כאַיעס — די פערד, קי, ציגן און הינט. אין געטאָ האָבן בלויז געקענט בלייבן די צוויי אַלטע אַגאָלע-פערד. די איינגעזעסענע יידן פון באַלוט האָבן זינט דורות געהאָדעוועט די הויז-כאַיעס און פון זיי געצויגן די אָרעמע, מאָגערע כעיוגע. דראָזשקאָזשעס און פורמאַנעס, מילך-הענדלער און טאָרגשטייער, קאַטעריניאַזשעס און שענק-יידן האָבן געמוזט אָפּפירן די באַשעפענישן, וואָס זיינען דאָס גאַנצע לעבן מיט זיי מיטגעוואַקסן אין די ענגע הויפלעך פון באַלוט, אין די קעמערלעך און אין די פינצטערע קי- און פערד-שטאַלן. מ'האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, דאָס לעצטע מאָל ארומגענומען זייערע וואַרעמע העלדזער אין דעם טונקעלן שטאַל, אַרויסגעפירט די טרויעריקע יידישע קי און די דערשראָקענע ציגן. יידן האָבן שטילערהייט געוואָרגן אין הארץ אַ קלאָלע צום דייטש. באַלעגאָלעס האָבן געפירט איבער די געסלעך די שיינע קאַשטאַנעס, בעיים די גאַנצע מישפּאָכע איז פון הינטן נאָכגעגאַנגען טריט באַ טריט, געבראָכן די הענט, ווי זיי וואָלטן באַגלייט אַ טויטן אפן ריינעם פעלד אַרויס. ווייבער האָבן געשלעפּט ציגן און קי, וואָס האָבן דערשראָקענע און איינגעשפּאַרטע נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. זיי האָבן זיך דאַווקע געריסן צוריק אין געטאָ אַריין. נאָך זיי האָבן יידן געפירט אַף שנירעלעך און קייטעלעך נידעריקע, דאַרע באַלוטער הויף-הינט, געפלעקטע פודלעס מיט אַראָפּהענגענדיקע טרויעריקע אויערן און שוואַכע, פּראָסטע שטובן-הינטלעך מיט אָפּגעהאַקטע עקן. יידן האָבן זיך געטרייסט, אַז באַם דייטש וועלן די באַשעפענישן האָבן אַ בעסער פּיטערונג ווי אין געטאָ: די פערד און די קי גייען גלייך אין שטאָט אַריין, נאָר בלויז די הינט, נעבעך, צעשיסן זיי באַלד אפן פעלד, הינטערן מאַרק...

באַלד פאַרטאָג האָט די הויכע רויזע אַרויפגעוואָרפן אַף זיך אַ שוואַרץ צעריסן שאַלעכל, מיט לאַנגע, שיטערע צויטן, בעיים די אַלמאָנע אַנגאַ יאַקאָוולעוונאַ האָט, נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט, מיט איין האַנט אָנגענומען דאָס קייטעלע פון ניקים האַלדז און מיט דער צווייטער דאָס שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע. זיי האָבן זיך ביידע געגרייט אָפּצופירן דעם הונט אפן מאַרק אַרויף. די הויכע רויזע האָט זיך יעדע רעגע אַ כאַפּ געטאָן פאַר די באַקן און באַהאַלטענערהייט געהעשעט. די אַלמאָ-

בע האָט געהאַט די האָר צעשויבערט, גראָע און אויסגעלאָשענע, וואָס זיי־נען איר אַריבערגעפאַלן איבערן ווייסן טויבלעכן פּאָנעם.

פאַר דער אַלמאָנע איז דאָס אָפּגעבן דעם הונט געקומען אַזוי פּלוציִם, אַז זי האָט אין דער ערשטער רגע, נאָכדעם ווי די הויכע רויזע האָט איר מיט קוילעס אַריינגעשריגן אין טויבן פּאָנים אַריין וועגן דעם אומגליק — זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אַזוי אַ פּאָר מינוט שטיין גע־בליבן מיט די האָר פאַרוויקלט אין אירע פאַרוועלקטע פינגער. די הויכע רויזע האָט געמיינט, אַז די אַלטע איז אָפּגעשטאָרבן, אָט אַזוי שטייענ־דיק מיט די פינגער פאַרוויקלטע אין אירע האָר. דער אַלמאָנעס אויגן האָבן אַפילו נישט קיין בלינצל געטאָן. זי איז געשטאַנען אַן איינגעגלי־ווערטע און קאַלטע. דער הונט האָט געלאָזט מיט זיך אַלץ טאָן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צופוסנס איר און אויסגעצויגן זיין שפּיציקן קאָפּ. אַ צעשפּאַלטענער שלוכץ איז פון זיין מויל איינגעזונקען אין קאַלטן דיל פון דער פאַציאַטקע.

ביידע ווייבער האָבן זיך געלאָזט גיין דורכן הויפל, ניקי אין דער מיט אויפן לאַנגן קייטעלע. אַ שטעכיקער שניי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דינע, קילע נאָדלען און געשטאָכן די הויט פון די הענט, פון פּאָנעם און פון ניקים פעל. ס׳איז געווען קאַלט און פראָסטיק. כאָטש ס׳איז ערשט געווען דער באַגינען האָט שוין געהאַנגען אין געטאָ אַ פאָרהאַנג פון דע־מערונג און טונקלקייט פון דער נאָענטער נאַכט, וואָס פאַלט דאָ אַראָפּ פּלוצים און בייז.

די הויכע רויזע האָט גייענדיק די גאַנצע צייט זיך געביסן די ליפּן. זי האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין וואָס זי האָט אַנומלט געשריגן, אַז זי וועט דעם הונט אָפּנעמען. זי האָט אַרויסגעקוקט פון דעם שוואַרצן איינגעהילטן שאַל און בלויז געזען אַ האַלב טויט פּאָנעם פון דער אַלמאָנע. ניקי האָט נאָך געהאַט אויף זיך די צעשניטענע העמד־פּאַסן אַרומגעוויקלט אַרום זיין רוקן.

אַז זיי זיינען צוגעקומען נענטער צום מאַרק זיינען פון אַלע געסלעך אַרום שוין געגאַנגען יידישע קינדער און געפירט אויף שנירעלעך און קיי־טעלעך די דאַרע איינגעפאַלענע הינט. אויפן מאַרק איז געווען אַן אָפּגע־צוימט אָרט, וואו דער דייטש האָט געזאַמלט טאָקע די הינט. די פערד און קי האָבן די דייטשן איבערגעגעבן צו פאָלקס־דייטשלעך אָפּצופירן אין

שטאָט אַריין. די פֿאַרזאַמלטע הינט אָפּן אָפּגעצוימטן שטיקל ערד האָבן אַרויסגעקוקט דורך די דראָטן אין געטאָ אַריין, זייערע אויגן זיינען געווען וואַסערדיקע. אַ שאָטנהאַפּטיקער פּאַכעד האָט געגליווערט אַף זייערע דערשראָקענע שפּיציקע מיילער, ווי אַף מענטשישע פּעניִמער, וואָס בייגן זיך איבער אַן אָפּן קייווער.

לעבן טירל, וואָס האָט געפֿירט צום אָפּגעצוימטן שטיקל פּלאַץ מיט די הינט, איז געשטאַנען אַ דייטש. ער האָט פֿון יעדן אָפּגענומען זיין הונט, אויפֿגעפּראַלט ס'טירל, אַ שטויס געטאָן דעם הונט מיטן שפּיץ פֿון זיין שטיוול — און שוין איז דער הונט געווען איגעווייניק אַן אָפּגעצוימטער. זעלטן אַפֿילו האָט אַזאַ הונט זיך צעבילט אָפּן דייטש. עפּעס אַ פּלוצימדיקע געליימטקייט און אָנמאַכט האָט אין זיי אָפּגעטויט זייער הינטישן קאַס און מערידע. עפּשער איז עס געווען דערפֿאַר וואָס צו זיי איז דערגאַנגען איצט דער רייעך פֿון טויטן־פֿעלד ווי עס דערגייט צו יעדן באַלכיי דער אומפֿאַרמיידלעכער אַנגסט־צאַפּל פֿאַרן נאָענטן טויט.

ווען די אַלמאָנע מיט דער הויכער רויזע זיינען צוגעקומען מיט ניקין, איז שוין דאָס אָפּגעצוימטע שטיקל אָרט געווען פֿול מיט יידישע הינט. זיי האָבן זיך אַלע איגעווייניק געהאַלטן אין איין קרייז, צו צוויי און צו דריי, אַרויפֿלייגנדיק די קעפּ איינער אָפּן צווייטן. עפּשער האָבן זיי עס געטאָן מאַכמעס דער קעלט, וואָס איז גערונען פֿון הימל אַראָפּ. אַ קליינער טייל פֿון זיי איז געשטאַנען בא די דראָטן און געפּרואווט מיט זייערע אויסגעשטרעקטע פּיס צוריקרייסן זיך. זיי האָבן זיי אָבער שנעל צוריקגעכאַפּט מיט אַ קינדיש וואָיען, דערפֿילנדיק אַף די לאַפּעס די קלעפּיקייט פֿון בלוט. די דראָטן האָבן געהאַט שפּיציקע, פֿאַרזשאַווערטע צוויטן, וואָס האָבן זיך געהויבן אַרויפֿצו ווי שאַרפֿע, קליינע מעסערלעך.

די אַלמאָנע מיט דער הויכער רויזע זיינען שטיין געבליבן פֿאַרן דייטש. ער האָט געוואַרט, אַז די אַלטע זאָל אַרויסלאָזן פֿון דער האַנט דאָס קייטעלע. זי האָט אָבער, די אַלמאָנע, אָנשטאָט אָפּצולאָזן דאָס קייטעלע פֿון דער האַנט, נאָך פֿעסטער עס אַרומגעוויקלט בא איר האַנט־געלענק און אויך העכער איבערן גראָבן פֿלייש. זי האָט עס געטאָן מיט פֿאַרשלאָסענע אויגן, אַזוי ווי דאָס טוען יידן בעייסן אַרומוויקלען די טפֿילן־רעצועס אַף די הענט. דער דייטש האָט אַ ריס געטאָן דאָס קייטעלע. די אַלמאָנע האָט זיך אַ רעגע אַ וואַקל געטאָן אַף אירע אַלטע פֿיס, בעיִים ניקי האָט זי

שוין איצט געצויגן דורכן טירל אינעווייניק אַריין. די אַלטע האָט זיך געלאָזט פירן פון אים. הינטער איר האָט דער דייטש מיטן שטיוול פאַרקלאַפּט דאָס טירל. זיין הויל, בלעכערן געלעכטער האָט זיך לאַנג געפּאַליעט איבער די דראָטן.

די הויכע רויזע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און געמאַכט אַ געוואַלד.

זי האָט געזען ווי די אַלמאָנע איז אינדרינען געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט אַ כאָפּטע הינט און נאָך אַלץ געפירט ניקין באַם קייטעלע. אין איר לינקער האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע און עס געטראָגן הויך איבער די הינטס קעפּ. זי איז אַזוי געשטאַנען מיטן אויפגעהויבענעם שטעקעלע און מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר אין סאַמע מיטן פון די הינט, וואָס האָבן זיך געלייגט צו אירע פיס. זי האָט אויסגעזען, אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ, ווי אַ פּאַסטוך אַרומגערינגלט מיט אַ סטאַדע. אַ טייל הינט האָבן אויפגעהויבן זייערע טרויעריקע קעפּ און געקוקט דער אַלטער אין פּאָנים אַריין. ניקי אַליין איז געווען רויק. זיין רוקן איז נאָך געווען אַרומגעבונדן מיט די ווייסע העמד-פּאַסן. פון צייט צו צייט האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ צום טירל צו דער הויכער רויזע, וואָס איז געשטאַנען אַ געליימטע און זיך געקנייפּט דאָס דערשראָקענע פּאָנעם.

זי האָט דערזען, אַז ניקי איז צווישן אַלע הינט געווען דער העכסטער און עלטסטער. די איבעריקע הינט האָבן מיסטאָם באַלד דערפילט זיין כשיוועס. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, געקוקט אין די אויגן אַריין ווי אַן אַלטן, קלוגן טאַטן.

די אַלמאָנע איז געוואָרן מיד. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני אינעם שניי. מען האָט זי איצט קוים, קוים אַרויסגעזען צווישן דער כאָפּטע הינט. דער שניי איז געפאַלן העפּטיקער מיט ברייטע, ציטערדיקע שטערן. דער ווייסער קאָפּ האָר פון דער אַלמאָנע האָט זיך אָפּגעטיילט מיט זיין צעשיטער ווייסקייט ווי אַ בלענדיק, רונדיק רייפל באַם קאָפּ פון אַ הייליקער.

די הויכע רויזע האָט נאָך געזען ווי פון דער צווייטער זייט האָט זיך אויפגעפּראַלט ס'טירל און עמיצער האָט אָנגעהויבן אַרויסיאָגן די הינט צום פעלד צו. די אַלמאָנע האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אָנגעלענט

אינעם שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע און זיך געלאָזט מיט ניקין גיין די ערשטע צום פעלד צו...

די הויכע רויזע האָט שטאַרקער ארומגעוויקלט דאָס שוואַרצע שאַ-לעכל אַרום איר קאָפּ. זי האָט נישט געוואָלט הערן די טעמפּע, בלעכערנע קלעפּ: דאָס האָבן דערוויילע שוין אָפּן פעלד, נישט ווייט פון דאַנען, שאַר-פע רידלען געריסן די קאַלטע באַלומער ערד. בלויז דער ווינט האָט איבער די בלעכערנע רידלען, וואָס האָבן זיך געבויגן איבער די שמאָלע, פינצ-טערע לעכער, געשפּילט זיין קאַלט נאַכט-ליד.

1943.

גאָלדענע יויך

אין געסל האָט זיך איצט אראָפּגעלאָזט אַ טונקעלער בייזלעכער אָוונט.

פון באַלד פאַרטאָג איז פון די פעלדער געגאַנגען אַ רויכיקער נעפּל, וואָס האָט זיך געהויבן איבער די דראָטן, געווען זילבערדיק באַ די ראַנדן און דערנאָך זיך אראָפּגעלאָזט אַ צעדריוולטער ווי גרוי שפּינוועבס. אַף די נאָענטע פעלדער לעבן געטאָ האָבן פּוילישע פּאַסטוכער פון פאַרטאָגס אָן געברענט טרוקן לאַנקע-גראָז און געבראָטן קאַרטאָפל. דער רייעך פון די געבראָטענע קאַרטאָפל האָט זיך אַהערגעטראָגן מיטן ווינט און זיך געזעצט אַף די נידעריקע דעכלעך, פאַרקראָכן דורך די אָפענע אויסגעהאַקטע שויבן און געקיצלט דעם גומען. דער ווינט איז טאַקע געגאַנגען צו דער געטאָ-זייט אַ גאַנצן טאָג און ערשט קעגן אָוונט זיך איינגעשטילט. פון זעלבן פעלד איז איצט אויפגעשטאַנען אַ טונקעלע, פלאַטשיקע לעוואָנע. ארום איר האָבן געשוועבט דורכזיכטיקע גרינע וואָלקנדלעך און יעדעס מאָל פאַרדעקט די לעוואָנע, יאָגנדיק זיך פאַרויס ווי זיי וואָלטן זי נישט גע-לאָזט אַהערשווימען דאָ אין געטאָ אריין. זי האָט זיך אָבער יעדעס מאָל אַרויסגעריסן פון זיי, געוואָרן פולער, גרינלעכער און געקלעטערט אַן אָפּ-געדעקטע איבער די שפּיציקע וואָלקנדלעך. זיי האָבן זי לעסאָף אויפגע-חערט נאָכיאָגן, די וואָלקנדלעך, און געבליבן הינטערשטעליק. אין זייע-רע פאַלדן האָבן באַלד אָנגעהויבן אויפבליצן די שטערן, וואָס האָבן דאָ אין דער פינצטערניש אַראָפּגענאָסן זייער גרין, קישעפדיק ליכט.

די מענטשן זיינען געווען מיד פון אַ גאַנצן טאָג לויפן דורך טויערן און קעלערן, דורך בריקן און דורכגעהאַקטע ווענט. דורך פינצטערע נישן האָבן

געפירט די דורכגענג אין די שכיינעסדיקע הויפלעך. אַף די מאַלבושים האָט זיי נאָכגעיאָגט דאָס אויסגעלאָשענע גאָלד פון יידישן מאָגן־דאָוויד־שטערן. דאָס סאַקאַנעדיק געאייל פון די דאָזיקע מענטשן האָט זיי צוריקגעפירט צו די מיטלאַלטערלעכע טעג אין די דייטשע שטעט לעבן די וואַסערן פון ריין. דורך די טונקעלע אונטערערדישע גענג און קעלערן זיינען הינטער זיי נאָכגעגאַנגען די שאָטנס פון די עלטער־עלטער־זיידעס, פאַרצוימטע און פאַרפלאָגטע, מיט דווירעס צוריק. קעדיי אויסצומיידן די פאָדערשטע גאַסן לעבן צוים איז מען געלאָפן אונטן דורך עפּענונגען. דורך דאַנען האָט מען אַרויסגעטראָגן באַהאַלטענערהייט די געשטאָרבענע אַפן ריינעם פעלד. באַ־טאָג האָט זיי נאָכגעקוקט די זון מיט קרומע, קילע פלעקן און באַנאַכט איז געהאַנגען אַ פאַרשעמטע לעוואָנע אין אַ געוועב פון ווייטע טרויעריקע שטערן.

דאָס ביידערל, וואו ביילע איז אַריינגעפאַלן מיט כאַוועלען, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן נאָך דער גרויסער שפּערע — איז געווען פול מיט מענטשן פון אינדערפרי ביז אין דער נאַכט אַריין. די מענטשן זיינען אָן אויפהער אַריין און אַרויס, גערעדט שטילערהייט און דערנאָך שאָען געזעסן אין די ווינקלען און געשוויגן. דאָס זיינען געווען אַלץ מענ־טשן פון אַנדערע געסלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין די טונ־קעלע קעלערן און קאַמערן. איבער זייערע פּנעמער האָט נאָך געפלאַטערט די שרעק און געפּאָכעט ווי אַ צעבראָכענע פליגל פון אַ פויגל. זיי זיינען געווען אַלע מידע, איינגעפאַלענע און עפּעס אַן אויסגעלאָשן פייער האָט נאָך קוים, קוים געטליעט אין זייערע אויגן. זיי האָבן טאָמיד מיט זיך געשלעפּט פּעקלעך מיט בעטגעוואַנט אָדער יידישע הייליקע ספאָרים. אין קליינעם ביידערל איז געווען טונקל-גרוי פון רויך, וואָס האָט זיך געריסן פון אַ קליין קיכל. די ספאָרים זיינען געלעגן צעוואָרפן אין די ווינקלען, געוואָרן אַ שטוים ווי אין בייס-מעדרעש. אַרום דעם דאָזיקן ספאָרים-שטוים האָבן זיך אָן אויפהער געזאַמלט יידן און עפּעס געזוכט אין זיי צווישן די פאַרגעלטע אַלטע בלעטער. מען וויים נישט ווי אַזוי ס׳איז פלוצים אויס־געוואַקסן צווישן דעם שטוים ספאָרים אַ קליין סייפער־טוירעלע, אַרומ־געהילט אין אַ גרוי צעריסן מענטעלע. די דאָזיקע אָפּגעראַטעוועטע סייפער־טוירע איז געשטאַנען אָנגעלענט אין דער וואַנט אַף אַ שטוים ספאָרים, געטוליעט זיך אין ווינקל פאַרשעמט און פאַרלאָזן ווי אַ דאַר, קראַנק קינד.

פון באַלד אינדערפרי האָבן זיך אָנגעהויבן ציען מיניאָנים יידן: פון אַלע הויפלעך אַרום און פון אַלע געסלעך זיינען דאָ אַריינגעלאָפן יידן און אָפּגעדאַוונט. זייערע ליפּן האָבן געשלאָסענערהייט געטראָגן לויב וואָס דאָס אומגליק האָט זיי דערוויילע אויסגעמיטן. אַ האַרבער ווינט פון יידי־שע טפילעס איז אַ גאַנצן טאָג געהאַנגען ווי אַ פאַרהאַנג אין כאַלעל פון שטיבל. אַז ס'איז אַף אַ רעגע שטיל און לייידיק געוואָרן האָט מען ערשט דעמלט אַרויסגעזען דאָס הילצערנע וויגל, וואו כאַוועלע איז געלעגן און לעבן איר, אַף אַ פעקל מאַלבושים, די מאַמע ביילע. דאָס קינד האָט אַרויס־געקוקט צו די יידן, וואָס האָבן זיך געשאָקלט איבער איר, איינגעהילטע אין זייערע טאַלייסים. זיי האָבן זי אַרומגענומען מיט זייערע צעפּלאָשע־טע שוואַרצע בערד און טרויעריקע פאַרלאָפענע אויגן. כאַוועלע איז איינ־געשלאָפן אונטער דעם האַרטן געמורמל פון די לאַנגע יידישע טפילעס און אַז זי האָט דערנאָך געעפנט די אויגן — האָט זי נאָך געזען איבער זיך פלאַטערן אַ שאָטן פון אַ דאַוונענדיקן ייד אין אַ צעריסענעם טאַלעס.

***

ס'איז שוין געווען איצט שפּעטלעך. דער טונקעלער אָוונט, אויסגע־מישט מיט צעשפּליטערטע לעוואָנע־פלעקן, האָט זיך געגליטשט איבער דעם שטוים יידישע ספאָרים. ביילע איז דעם גאַנצן טאָג געלעגן אין ווינקל, די פיס פאַרדעקט מיט אַ מאַלבעש. די יידן, וואָס האָבן געמוזט אַדורכגיין דאָס אָרט צו דער טיר, האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן אירע לאַנגע, פולע פיס. זי האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ האַלב־פאַרדעקט פּאָנעם צו די יידן. איינ־איינציקע, מאַכשאָווע איז אַרומגעלאָפן אין איר קאָפּ: ווען איר דאָוויד וואָלט דאָ געווען... ווען איר דאָוויד וואָלט דאָ געווען... זי וואָלט איצט נישט געלעגן מיט כאַוועלען אין דעם העקדעש דאָ. דאָס אומגליק איז דאָך געקומען אַזוי אומגעריכט דעמלט. מיטכילעס האָט זי נישט געקענט מאַ־סיג זיין וואָס אַזוינס עס איז געשען. און ווי אַזוי וועט זי דאָס אַליין מיט כאַוועלען לעבן אין געטאָ? דער דייטש האָט אַרויסגעשיקט דעמלט דעם ערשטן טראַנספּאָרט יידן אַף אַרבעט... בלויז באַלמעלאָכעס... ער האָט אָפילע אין אָנהייב, דאָוויד, געשריבן אַ קאַרטל, אַז צו עסן איז דאָ און אַז ס'וואָלט גוט געווען ווען אויך זיי, ביילע מיטן קינד, זאָלן זיין מיט

אים. קאַרטאָפל איז דאָ לעראָוו, אַפילע ברויט. אָבער מיט איינמאָל האָט זיך אַלץ איבערגעריסן. שוין איבער צוויי יאָר ווי קיין שום בריוו איז נישט אָנגעקומען. וויפל האָט זי זיך געמוזט, ביילע, אָפפלאָגן קעדיי זיך אויסצובאַהאַלטן מיט כאַוועלען אין דער שפערע? און, גאָט צו דאַנקען, — דורך עפעס אַ נעס זיינען זיי נישט אויפגעכאַפט געוואָרן. ס'קען אויך געשען, אַז דאָוויד זאָל פלוצים צוריקקומען און ער וועט שוין דעמלט מער נישט דערקענען נישט זי און נישט כאַוועלען. וואָרעם דורך די פאָר יאָר זיינען זיי ביידע שוין נישט די זעלבע. ווען נישט דער הונגער... אין די ערשטע כאַדאָשים איז נאָך דאָוויד מיטגעגאַנגען אין אַלע אירע מאַיסים און מאַכשאָוועס. שפעטער איז זיין פאָנעם אַלץ מער אָוועקגעשוואומען, געוואָרן נעפל און פלעגט נאָר פון צייט צו צייט אויפבליצן מיט זיינע ווייטע, גרויליכע אויגן, מיט אַ וואָרט, וואָס האָט אָף אַ רעגע צוריקגעבראַכט דאָס אַמאָליקע קורצע לעבן זייערס.

איצט, נאָך דער שפערע, אַז זי איז געבליבן אַליין אַן אָפגעראַטעוועטע מיט כאַוועלען, האָט ביילע ווידער אָנגעהויבן טראַכטן פון דאָווידן, וועגן דער כאַסענע דעם לעצטן זומער פאַר דער מילכאָמע, וועגן כאַוועלען, וואָס איז דערווייל אויסגעוואַקסן און אינגאַנצן דערמאָנט דאָווידן. זי האָט געהאַט, כאַוועלע, זיינע שמאָללעכע, גרויע אויגן און שיינעם הויכן שטערן. אַז ס'איז שטילער געוואָרן אין געטאָ — האָבן יידן פון דאַנען אַרויסגעכאַפט די ספאָרים מיט דער סייפער־טוירע און מער דאָ נישט געשטעלט דאַוונען מיין מיניען. ווי אַלע יידן האָט אויך ביילען פאַרנומען איינאיינציקע מאַכשאָווע: ווי אַזוי גויווער זיין דעם הונגער... פון די טונקעלע בלעטער און קאַרגלעכער שפייז־צעטיילונג האָבן ביילעם פינגער אַרויסגעקישעפט אויסטערלישע מייכאָלים, וואָס האָבן צוריקגעבראַכט אין קליינעם כיידערל דעם רייעך פון אַמאָליקן ערעוו שאַבעס און יידישע יאָנטויווים. מען האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי האָבן יידישע פרויען פון פאַרפוילטע, אַלטע ריבן און קאַרטאָפל־שאָלן אַרויסגעקישעפט עפעס אַ קויעך, וואָס זאָל זיי העלפן איבערלעבן — דעם טאַם פון די פאַרשוואונדענע יידישע מייכאָלים... דאָס איז געווען אַן אומזעבאַרער פאָדעם, וואָס האָט זיי נאָך געהאַלטן צוזאַמענגעקניפט מיט דער שיינקייט פון די נישט לאַנג פאַרשוואונדענע טעג פון יידישן לעבן.

און געווען איז דאָס אויסטערליש, וואָס דאַווקע איצט, בעיים אין

שטיבל איז אַזוי געוואַקסן דער הונגער — האָט ביילע אָנגעהויבן בענקען נאָך דאָווידן און זיין מעגלעכער נאָענטקייט. אין אירע שיינע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן אָנגעהויבן צוקן און טאָמיד געווען וואַך בייזע פלעמעלעך פון טייווע. זי האָט זיך געשעמט פאַר דעם איינגעשפּאַרטן, בייזן צאַפּל אין איר און וויפל מאָל זי האָט זיך באַמיט אָפּשטויסן פון זיך דעם דאָזיקן אינעווייניקסטן ווייבלעכן הונגער — אַלץ גיריקער און שאַרפער איז געוואַקסן אין איר דאָס געפיל פון איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט, וואָס זוכט לייבלעכע, באַפרייענדיקע דערנענטערונג. אירע רונדיקע פולע באַקן זיינען לאַנג שוין געווען איינגעפאַלן, איר הויך געשטעל — פאַרוויאַנעט, נאָר אין אירע הויכע, פולע פיס איז נאָך געלעגן דער נישט־אויסגייענדיקער ווייבלעכער רייץ. זי האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר זיך אַליין און שטילערהייט גענומען פאַרשילטן דאָס ביסל בלוט, וואָס איז נאָך געבליבן אין איר.

דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעפילט איר ווייבלעכע געפאַלנקייט, איז געווען פייוויש, בעיים זי פלעגט גיין איבער דער בריק. ער איז געשטאַנען אונטן באַם טויער צוזאַמען מיטן דייטשן וואַכפּאָסטן. ער פלעגט אַרויפקוקן צו די טויזנטער פיס, וואָס זיינען געגאַנגען טאָג־איין טאָג־אויס איבער דער הויכער בריק, וואָס האָט פאַרבונדן ביידע געטאָ-טיילן. צווישן די טויזנטער פיס האָבן זיינע אויגן אויפגעכאַפּט נאָר די וואַקלענדיקע פיס פון פרויען און מיידלעך, אַרומגעהילטע אין זייערע לויזע, ווינטיקע רעקלעך. ער איז געווען טאָמיד זאַט, פייוויש, גערויכערט רונדיקע, גוטע דייטשע פּאַפּיראָסן און ער האָט ביילען טייקעף אויפגעכאַפּט מיט אירע שיינע, הויכע פיס. ער איז צו צו איר, געפרעגט צי זי איז הונגעריק. אַוודאי. ווער איז נישט הונגעריק אין געטאָ? עפּשער בלויז זיי — אַזעלכע לייט ווי פייוויש... ער איז אַביסל געגאַנגען מיט איר מיט אַ דין שמייכעלע איבער די ליפּן. ער האָט זי פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— מ׳קאָן קומען צו דיר?

ס׳האָט זי אַ ברי געטאָן אין די לויז־געוואָרענע פאַלדן פון איר בויך. זי האָט נישט אויפגעהויבן אירע אויגן. אַ פליישיקע האַנט האָט זי איצט שוין געהאַלטן פאַר איר אָרעם, וואָס איז מיט איינמאָל געוואָרן קיל. זי האָט קוים דורך די געעפנטע אויגן־שפּעלטעלעך געזען לעבן זיך שפּרייזן זיין ברייטן, מאַנצבילשן שאָטן, וואָס האָט אינגאַנצן פאַרדעקט איר שמאָל

געשטאָלט. זי האָט אַ בליק געטאָן אין דער זייט. זיין פּאָנעם איז געווען אַ רויטס, אַ באַשפּרינקלטס, די אויגן קליינע און שפּיציקע ווי בא אַ קאַץ. אינעם גרויסן טונקעלן שאָטן, וואָס איז געלאָפן פאַר זיי אַף פּאָרויס, האָבן זיך אַממייסטן אָפּוירגעיאָגט ווי אָן אָפּגעריסענע כמאַרע די שאָטן־שפּרייזן פון זיינע גלאַנציקע, הויכע שטיוול, מיט די שמאָלע רייט־הויזן אין די הויכע כאָליעוועס.

נאָכדעם ווי פּייוויש האָט זי אָפּגעפירט אהיים און ארויף אין קליי־נעם כיידערל — האָט ער זיך אַף אַ ווייַלע אָפּגעריסן און אוועק קעדיי צו ברענגען עסן. ער איז באַלד צוריקגעקומען און אוועקגעשטעלט אַפן טישל אַ קליין פאַרמאַכט קענדעלע. ער האָט עס געהייסן אָנווארעמען אַפן קיכל. מיט קאַלטע, פאַרכאַלעשטע הענט האָט ביילע אונטערגעהייצט אין אויוונדל. עס איר אויסגעקומען ווי זי צינדט איצט אונטער מיט די פּיצ־לעך שפּענדלעך אַ שרייפע, וואָס וועט זי באַלד ארומכאַפּן פון אַלע זייטן. פון דאָזיקן פייער וועלן זיך באַלד אָנצינדן די ווענט, דער בעליק און ארומ־כאַפּן זי בא די קליידער. זי האָט אַ קוק געטאָן אַף כאַוועלען, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט דאָ געשאַרט לעבן דער מאַמען און אַ פריילעכער גלאַנץ איז ארומגעגאַנגען אין אירע גרויע אויגעלעך. דאָס קענדעלע איז שוין געשטאַנען אַף דער פייערקע, די בלעכענע ווענטלעך האָבן שוין אָנ־געהויבן בריען. לעבן איר איז געשטאַנען פּייוויש און יעדע רעגע שטראָ־מער אָנגעצויגן אַף זיינע פיס די כאָליעווע פון די הויכע, גלאַנציקע שטיוול.

אַפן קיכל האָט אָנגעהויבן זידן. אַ פּאַרע האָט געהויבן דאָס דעקל פון קענדעלע. ערשט איצט האָט ביילע אויפגעהויבן דאָס דעקל און אריינ־געקוקט אינעם שמאָלן העלדזל.

דאָס איז געווען אַ געלע יויך־פליסיקייט, איבערגעדעקט מיט אַ פעט, דיק הייטל ווי צעשמאָלצן גאָלד. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן זעען אירע אויגן ווידער הייסע, בריענדיקע יויך. פון די אונטערשטע טיילן פון איר בויך האָט זיך אויפגעהויבן אַ קלעמונג, וואָס איז דערגאַנגען ביז צום האַרץ צו. אַפן גאַנצן וועג, פון בויך ביז צום האַרץ, האָבן זיך פון דער דאָזיקער קלעמונג געצונדן קליינע פייערלעך, וואָס האָבן היים געמאַכט איר אָטעם. אין האַלדז האָט אָנגעהויבן פאַרפּעלן לופט. זי האָט אַף אַ רעגע אַזש געמוזט ארויסשטעקן די צונג. די גאָלדענע הייסע פליסיקייט

האָט ווי אַן אָנגעצונדענע נעץ פון דרעטלעך זיך אַרויסגעוואָרפן אַף אירע אויגן און פּאָנעם. זי האָט מיטביידע הענט אַרומגענומען דאָס הייסע קענדעלע מיט יויך, ווי אַ וואָרעמען צעהיצטן האַלדז פון אַ מענטשן. די גאַנצע צייט איז פּייוויש געשטאַנען הינטער איר און זיינע פאַרזשמורעטע אויגעלעך האָבן זיך געגליטשט איבער אירע הויכע פולע פּיס. ביילע איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און נישט געוואוסט וואָס אַזוינס צו טאָן מיט אירע הענט. אַ טונקל געפיל פון גרויל איז זי באַפאַלן פּלוצים. זי האָט געוואוסט, אַז די דאָזיקע גאָלדענע הייסע פליסיקייט פאַרבאָרגט אונטער זיך אַ טהאָם, וואָס ציט זי איצט אַריין אין זיך מיט זיינע פינצטערע, הייסע פלאַמען. זי וועט מער שוין פון דעם טהאָם נישט אַרויס, זי וועט דאָרט אומקומען — און צוזאַמען מיט איר וועט אויך אומקומען כאַוועלע. דער פרעמדער איז געשטאַנען הינטער איר און אַלץ נאָך געשוויגן. אין זיין שווייגן האָט ביילע דערפילט שטאַרקער דעם אָפּגרונט, וואָס עפנט זיך איצט פאַר איר אין האַלב־פינצטערן ביידערל. אַף איין רעגע האָט איר האַנט אַ ציטער געטאָן. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט באַלד אַ כאַפּ טאָן דאָס קענדעלע מיט דער אויפגעקאָכטער הייסער יויך און דאָס פעטע גאָלד אויסגיסן איבערן רויטן פּאָנים פונעם פרעמדן. אירע פינגער האָבן אַ רעגע געציטערט, ווי די דאָזיקע מאַכשאָווע וואָלט טאַקע אין אירע פינגער אַ באַוועג געטאָן דאָס בלוט. באַלד איז זי ווידער געשטאַנען אַ צעבראָכענע איבערן קענדעלע מיט דער פעטער צעגליטער אויבערפלאַך. זי האָט געהאַט פאַרמאַכטע אויגן און נישט געזען וואָס אַרום איר טוט זיך. אַ שעדישער רייץ האָט געבריט אירע פינגער. זי האָט מיט איין האַנט אָנ־געכאַפּט כאַוועלען און פאַרכאַלעשט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס שטייט איר? — זיצט... מ׳עט עסן צוזאַמען נאַכטעסן... אַזאַ גאָלדענע יויך... אַזאַ גאָלדענע יויך...

זי האָט דאָס אַלץ אַרויסגערעדט, נישט עפנענדיק די אויגן, וואָס האָבן געהאַט דינע אָנגעלאָפענע הונגער־קישעלעך.

***

פון יענער נאַכט אָן האָבן זיך אָן אויפהער געוואַרעמט אַפן קיכל די קענדעלעך מיט פעטער יויך, וואו ס׳זיינען אַרומגעשוואומען צעשניטענע

שטיקלעך פלייש. אויסער שפּייז־פּעקלעך האָט פּיוויש אויך געטראָגן פאַר באַוועלעכן טאַרבעלעך מיט ווייסן צוקער. אונטערן וועגטל פון ביילעס בײַ־דערל האָבן די שכיינים אויפגעכאַפּט דעם וואַרעמען, קיצלענדיקן רייעך פון פלייש און גוטע געקעכטסן. זיי האָבן אָפּט געהערט לויפן פּיווישן אין זיינע הויכע שטיוול איבער די שטיגן. אַממייסטן איז ער געקומען אַף באַ־נאַכט און אוועק פאַרטאָג.

איינמאָל האָט ביילע אַרײַנגעטראָגן צום שאָכן אַ האַלב קענדעלע מיט יויך. דאָס פאַרפאַלק, וואָס האָט געוואוינט אין דרינען, האָבן זייערע ביידע קינדער טאָמיד געהאַלטן אין בעטל. בערעלע און גיטעלע זיינען געלעגן איבערגעדעקטע מיט אַן אַלטן פאַלטן און זיך געוואַרעמט איינער אין צווייטן. מ'האָט קוים אַרויסגעזען זייערע קליינע, איינגעפאַלנע פּע־נעמלעך. אַז ס'פאַרפאַלק האָט אויסגעגאָסן די הייסע פליסיקייט אַף אַ טעלער, האָבן זיך די קינדער אויפגעזעצט און זייערע פּנעמלעך ווי קליי־נע, גרויע קעצלעך, אַרומגעפירט איבער די ראַנדן פון טעלער. זיי האָבן דערנאָך געגומען קליינע ביסעלעך און לאַנג נישט געוואָלט אַראָפּשלינגען די יויך. אַף די פלאַכע טעלערלעך האָט זיך געוויגט די וואַרעמע יויך. ביילע איז געשטאַנען לעבן בעטל און אירע אויגן האָבן די גאַנצע צייט אויסגעמיטן זיך צונויפצוטרעפן מיט אירע שכיינים. דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײַלע. די קינדער האָבן דערווייל אויסגעטרונקען די פליסיקייט פון די טעלערלעך און צוריק אַרײַנגעקראָכן מיט צעפלאַמטע בעקלעך אונ־טער דעם פאַלטן אַפן בעטל.

זיי האָבן זיך פון איצט אָן, די קינדער, צוגעהאָרכט צו יעדער באַ־וועגונג אַף די טרעפּ און דרינען הינטערן וועגטל. זיי האָבן געוואַרט, אַז אַף די שטיגן זאָלן זיך דערהערן די שטיוול־טריט. דעמלט האָבן זיי גע־וואוסט, אַז באַלד וועט זיך דורכן לויזן וועגטל אַהערדרייסן אַ געזאַלצענע פּאַרע פון געקאָכטע יאַיכלעך. זיי זיינען טאַקע געלעגן מיט אויפגעשפּיצטע אויערן צו דער טיר. ס'פלעגט אויך געשען, אַז באַוועלע פלעגט אַרײַנקומען צו די קינדער מיט אַ טעלערל יויך און ווייסע קליסקעלעך. גיטעלע האָט געהאַלטן אין איין פרעגן:

— מאַמע, פאַרוואָס קאָכסטו קיינמאָל נישט קיין יויך?

— ס'אַ מילכאָמע, קינדלעבן... אין געטאָ איז נישטאָ קיין יויך... אַז מען וועט ווערן אויסגעלייזט...

— טאַ קאָך כאָטש קליסקעלעך, מאַמע... אַביסל קליסקעלעך...
— נישטאָ קיין מעל, גיטעלע... צו קליסקעלעך דאַרף מען האָבן מעל...
— און פאַרוואָס האָט כאַוועלע יויך מיט קליסקעלעך?
— ווייל כאַוועלע האָט אַ פעטער... ברענגט ער יויך... און מעל...
— טאָ זאָל דער טאַטע אויך ברענגען מעל... וועט מען קאָכן קליס-קעלעך...
— דער טאַטע אַרבעט אין שאָפּ, קינדלעבן, און דאָרט קריגט מען נישט קיין מעל...
— און וואו אַרבעט כאַוועלעס פעטער?
— אין ערגעץ נישט. ער האַלט וואַך באַם טויער, צוזאַמען מיט די דייטשן, קינדלעבן...

גיטעלע פרעגט נישט מער. אירע בעקלעך צינדן זיך ווידער אָן מיט קליינע רויטע רויזלעך, וואָס לעשן זיך באַלד אויס. די מאַמע דרייט אַוועק דעם קאָפּ, זעצט זיך צופוסנס פון בעטל און פאַרדעקט די קינדער מיטן אַלטן ווינטערדיקן פאַלטן.

*****

פייוויש איז געלעגן אָפן בעטל אין די הויכע גלאַנציקע שטיוול און געכראָפּעט. ער איז היינט אַרויפגעקומען אַ שיקערער און זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן אָפן בעטגעוואַנט. איידער ער איז איינגעשלאָפן האָט ער ביילען איינגערוימט עפּעס אָפן אויער. ביילע איז בלאַס געוואָרן און שיר נישט אומגעפאַלן אַף דער פאַדלאָגע. פייוויש איז אָפּגעשלאָפן אַ פּאָר שאָ און באַלד נאָכן אויפכאַפּן זיך אַוועקגעלאָפן. ביילע האָט אים לאַנג נאָכ-געקוקט איבערן געסל, וואו ער האָט געשפּרייזט מיט זיינע שוואַרצע, גלאַנציקע שטיוול.

דאָס, וואָס פייוויש האָט דערציילט בעסאָד ביילען, איז געווען עפּעס אַזוינס, ווי ס'וואָלט זיך אַ טהאָם געעפנט אונטער אירע פיס. אין אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן גרינע פייערלעך. יעדע רעגע האָט זי צו זיך אַ כאַפּ געטאָן כאַוועלען, זי געהאַלדזט און געקושט, געגלעט די אַקסעלעך און זיך מיטן מויל איינגעביסן אין קינדס העלדזל. כאַוועלע האָט אָנגעהויבן וויינען. דערהערנדיק דעם קינדס געוויין האָט ביילע אַ

קוויטש געטאָן ווי אַ געשאָכטענע. באַלד האָט זיך אויך הינטערן ווענטל באַם שאָכן אויפגעהויבן אַ יעלאָלע.

די לעצטע נאַכט איז איצט ביילע געלעגן מיט כּאַוועלען. אַפן הויפל האָבן דערווייל אַלע מאַמעס ארומגעטראָגן אין דער פינצטער די קינדער אַף די הענט און געיאָמערט. ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט אַפן הויפל און נאָר פאַרגליווערטע לעוואָנע־פלעקן האָבן זיך צוזאַמען מיט די קינ־דער־קעפּלעך פאַרבאַהאַלטן אונטער מאַמעס יעלאָלעדיקע הענט. עמיצער פון די ווייבער האָט אויפגעהויבן ס'קינד קעגן דער זוים פון דער שווי־מענדיקער לעוואָנע און געמאַכט אַ געוואַלד גלייך אין פינצטערן הימל אריין. דאָס געשריי נאָך ראַכמים איז צערונען אינעם קילן ווינט, וואָס איז איצט געגאַנגען פון יענער זייט געטאָ.

מ'האָט שוין געגרייט רוק־זעקלעך און קליינע טאָרבעלעך. מאַמעס האָבן זיך געגרייט אין וועג אריין צוזאַמען מיט די קינדער. מאַנכע האָבן נאָך אין דער נאַכט אויסגעזוכט זיך באַהעלטענישן און דאָרט פאַרקראָכן מיט אַביסל שפּייז און ברויט. ליגנדיק אַפן בעטל ווי אַ געשאָכטענע האָט ביילע זיך צוגעהערט צום פליסטערן הינטערן ווענטל באַם פאָרפאָלק. דאָס זיינען אינדרינען געלעגן טאַטע־מאַמע איבער די שלאָפנדיקע צוויי קינ־דער און זיך געאַמפּערט וועמען אָפּצוגעבן די דייטשן: גיטעלען צי בע־רעלען.

— ווי קען איך אָפּגעבן בערעלען, גאָזלען... קוים דריי יאָר... ווער וועט זיך אַף אים אומקוקן? ער קען זיך אַליין די הייזעלעך נישט אָנטאָן... די שיכלעך...

— טאָ עפּשער גיטעלען? זי איז דאָך שוין אַ דערוואַקסענע... מענטשן וועלן קענען האָבן פון איר אַ נוץ... זעקס יאָר אַ מיידעלע וועט דאָך נישט פאַרפאַלן ווערן... גוטע מענטשן וועלן זיך אַף איר אומקוקן...

— כ'וועל זייביידע אָפּשעכטן היינט באַנאַכט, הערסט? כ'וועל זיי אָפּשעכטן איידער זיי אָוועקגעבן דעם דייטש... אָפּשעכטן וועל איך זיי...

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך הינטערן ווענטל געקנוילט אַ געבליפּ פון פאָרפאָלק.

צומאָרגנס, ווי נאָר דער טאָג האָט זיך גענומען אַדורכברעכן דורך די ווענטלעך, האָט ביילע אָנגעהויבן אָנטאָן כּאַוועלען. זי האָט אַף איר אַרויפ־געצויגן די קליידלעך מיט פרעמדע אָפּגעשטאָרבענע הענט. אַ רויט שטיקל

באַנד האָט זי איינגעפלאָכטן אין כאַוועלעס האָר און אין דער פרימאָרגנ־דיקער טריבקייט האָט דער שלייף געוואָרפן איבערן קינדס פּענעמל אַ רויטלעכן אָפּשיין פון בלוט. ביילע האָט שוין דערזען זיך פלאָנטערן אין אַ נעץ פון שיגאָען און זינד. וואָס מער זי איז געזונקען אין דער דאָזיקער נעץ אַלץ מער האָט אין איר גענאָגט די פאַרצווייפלונג, בעיס אירע אַלע כושים זיינען געווען אינגאַנצן געליימטע. די פּאָר כאַדאָשים זינדיק לעבן מיט פייוויש האָט פון איר אָוועקגעשטויסן די שרעק פאַרן הונגער און אַז זי איז געווען זאַט — איז דער פּאַכעד פאַרן טויט צערונען געוואָרן. אַ פרעמד קאָל האָט זיך געוויגט אין איר זינדיק האַרץ. דאָס אַלץ איז דאָך געשען דערפאַר, וואָס איר יונג לעבן האָט זיך געוועהרט נישט צו צעקרישלט ווערן אינעם טהאָם פון געטאָ. זי האָט געלאָזט ברענען דאָס מיעס און טהאָמיק פייער אין איר האַרץ און די פלאַמען האָבן זי אינגאַנצן אַרומ־געכאַפּט. וואָס מער ס'איז געוואַקסן אין געטאָ די שרעק אַרויסגעשיקט צו ווערן, אַלץ קראַמפּהאַפטער האָבן זיך אירע הענט געקלאַמערט אינעם ביסל זינדיק לעבן מיט פייוויש. טיילמאָל איז צו איר געקומען אַ שטיל ווידער־קאָל פון אַמאָל, אַ קלאַנג פון ווידע און כאַראָטע. דאָס איז אָבער באַלד פאַרטויבט געוואָרן אינעם בייז, זינדיק לעבן, וואָס האָט זי געקלאַמערט מיט הייסע צעגליטע רייפן. זי האָט געוואוסט, אַז זי באַגייט אַ זינד, פון וועלכער זי וועט שוין קיינמאָל נישט קענען אַרויס. און אַז ס'האָט זי טיילמאָל אָנגעהויבן ברענען דאָס געפיל פון בושע און כאַראָטע, האָט זי טאָמיד זיך געקלאַמערט אין כאַוועלען. דאָס האָט זי דאָך, ביילע, אַלץ געטאָן פאַר איר, פאַר כאַוועלען, פאַר איר געזונט וועגן, פאַר איר זאַט־קייט, פאַר איר געלעכטערל... און דאָס געלעכטער כאַוועלעס האָט גע־רייניקט איר האַרץ פון אַלדאָס בייז. זי האָט דעמלט געוואוסט, אַז איר זינד איז נישט אַזוי גרויס און אַז ס'וועט אויך געשען אַ נעס — זי וועט אַרויסטראָגן פון געטאָ איר קינד און זיך אַליין — וועט דעמלט איר זינד פאַרגעבן ווערן. זי האָט דאָך אויפגעהאַלטן דאָס לעבן פון איר קינד... און איצט? איצט זאָל זי דאַרפן אַליין אָפּגעבן כאַוועלען, ווייל ער, פייוויש, וויל אַזוי? ער רעדט זי צו אָפּצוגעבן ס'קינד צום דייטש... די קינדער ווערן דאָך אַרויסגעשיקט אין אַ דאָרף... אַף אַ פאַרם...· סיי־ווי־סיי ענ־דיקט זיך שוין די מילכאָמע... ער וועט מיט איר כאַסענע האָבן, פייוויש...

ער וועט מיט איר באַשטימט כאַסענע האָבן... זאָל זיך נאָר די מילכאָמע ענדיקן...

זי איז געשטאַנען, ביילע, איבער איר אייגן האַרץ אַריבערגעבויגן ווי איבער אַן אָפּגרונט. מיט אַמאָל איז זי באַפאַלן אַ גליאיקע כוואַליע פון מוטערלעכקייט. זי האָט אַריינגעקוקט אין כאַוועלעס גרויע אויגעלעך און אין זיי דערזען אַ שאָטן פון דאָווידן. זי האָט זיך מיט די ליפּן איינגעזויגן אין כאַוועלעס העלדזל, וואָס איז געווען ווייך און וואַרעם. ניין, זי וועט קיינמאָל כאַוועלען נישט לאָזן אַליין... זי וועט מיטגיין מיט איר, אויב עס קען אַנדערש נישט זיין... מיט טויזנטער וואַרעמע הענטלעך האָט כאַוועלע זי אַרומגענומען און געצויגן צו זיך. זיי זיינען ביידע געלעגן אויפן בעטל און לאַנג געהעשעט איינע אין דער צווייטער אַריין.

אַרום האַלבן טאָג איז פּיוויש אַריינגעפאָרן מיט אַ וואָגן אין הויף אַריין. נאָכן וואָגן זיינען געגאַנגען דייטשן מיט אַרויפגעשאַרצטע העמדאַרבל און מיט שפּיצרוטלעך אין די כאָליעוועס פון זייערע שטיוול. ער איז אַרויף דער ערשטער צו ביילען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן כאַוועלען פון ביילעס הענט. זי איז שטיין געבליבן אַ רעגע אַ געליימטע און געוואָלט נאָכלויפן. פּיוויש האָט זי אָבער אַ שטויס געטאָן, פון וואָס זי איז געפאַלן אויפן בעטל. מיט אַרויסגעזעצטע אויגן איז זי צוגעלאָפן צום פענצטערל. זי האָט איצט געזען ווי דאָס פאָרפאָלק פון הינטערן וועגטל איז אַרויפגעגאַנגען אויפן וואָגן, געפירט ביידע קינדער בא די הענט און זיך אַוועקגעזעצט אַף זייערע פעקלעך. זי האָט אַפילע געזען ווי כאַוועלע האָט זיך אַרומגענומען מיט גיטעלען און ביידע קינדער האָבן אָנגעהויבן אַרויפפאָכן מיט זייערע הענטלעך צו די פענצטער... אַ בייזער פינצטערער קויעך האָט זי געהאַלטן צוגענעגלט צו דער פאָדלאָגע און נישט געלאָזט זי רירן פון אָרט. פון גאַנצן הויפל איז איצט געגאַנגען אַ יעלאָלע פון מאַמעס, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט שיידן מיט די קינדער. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און אָנגעהויבן מיט אים קלאַפּן אין וועגטל. מיט די נעגל האָט זי זיך צעריסן ס׳פּאָנעם און וואָס מער דער ווייטיק האָט איר געצונדן די הויט — אַלץ ווילדער איז זי געוואָרן. אָבער קיין קויעך אַראָפּצולויפן צום וואָגן האָט זי אין איר פאַרצווייפלונג נישט געפונען. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעטל און דאָ געבליבן ליגן מיט אויפגעפּראַלטע, אויסגעלאָשענע אויגן. דער פינצטערער בעליק איבער איר איז אַראָפּגע־

האנגען ווי אַ פאַרכמורעטער הימל, וואָס באַהאַלט נאָך אין זיין בוזעם
שאַרפע, טויטלעכע בליצן.

* * *

אינמיטן נאכט איז פייוויש אַ שיקערער געשפרונגען איבער די טרעפ
פון הייזל. דאָס כיידערל פון פאַרפאַלק פון הינטערן ווענטל איז געשטאנען
אַ ליידיקס און צעריסנס. ער האָט זיך אַ שליידער געטאָן אַפן בעטל לעבן
ביילען, וואָס איז נאָך געלעגן דאָ מיט אויפגעפראַלטע אויגן. ער איז באַלד
איינגעשלאָפן.

ערשט איצט איז אין ביילען אויפגעגאנגען און געוואָרן וואך אַ גלי־
איקער, טיפער ווייטיק. זי איז געווען די איינציקע אין גאנצן הויף וואָס
איז געבליבן דאָ אָן קינד. די פינצטערניש ארום איר האָט זי געבריט מיט
לאַנגע, שפּיזיקע צונגען. און אין אַלץ איז שולדיק ער, פייוויש, וואָס כראָ־
פעט איצט לעבן איר. אַ היץ האָט איר געבריט אין די שלייפן. די גאנצע
פאַרבאַהאַלטענע פינצטערע סינע צו אים האָט זיך אויפגעוועקט מיט אַ
ביזן צאַפּל פון אירע הענט. אַ ווילדע, רויטע מאַכשאָווע איז זי באַפאַלן,
פון וואָס זי האָט אָנגעהויבן ציטערן אַפן גאנצן לייב. זי האָט אראָפּגע־
וואָרפן פון זיך ס'קליידל און זיך גענומען טוליען צו פייווישן. ער האָט
אין דער פינצטערניש אויפגעעפנט זיינע אויגן און נאָך שיקערערהייט
עפּעס געמורמלט. זי איז געלעגן לעבן אים מיט אַלץ נאָך אויפגעפראַלטע
אויגן, וואָס האָבן גאָרנישט געזען אין דער פינצטער נאָר אַ רויטן בלוטיקן
קרייז, וואָס האָט זיך געוויגט אין כאַלעל. דער דאָזיקער קרייז האט גע־
האט שפּיציקע רויטלעכע צווייגן, וואָס האָבן געצונדן דאָס כאַלעל. זי האָט
געהאַלטן אין איר פויסט פאַרבאָרגענערהייט אַ קאַלטע שאַרפע זאַך, מיטן
לינקן אָרעם האָט זי ארומגענומען פייווישן, בעיים איר הייסער אָטעם
האָט געבריט זיין קאַרק. ער האָט ווידער געעפנט די אויגן און זיך צע־
שמייכלט. אָבער באַלד איז דער שמייכל אַף אים צערונען און דאָס פּאַנעם
האָט זיך אויסגעקרימט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן מיטן קאָפּ, בעיים אַ
ווילדער קוויטש האָט צעריסן די פינצטערניש אונטערן בעליק. ער האָט
אָנגעהויבן טאַמלען מיט די פיס. פון זיין שוים האָט זיך גענומען גיסן
בלוט איבער זיינע טאַמלענדיקע קני. ער האָט נאָכאַמאָל אַ ריטש געטאָן
און אוועקגעפאַלן אַפן בעטל.

אַ האַלב־נאַקעטע איז איצט ביילע ארויסגעלאָפן פון כיידערל. זי

איז געלאָפן איבערן הויף, וואָס איז געווען אינגאַנצן אַ פינצטערס. פון דאַנען איז זי אַרויסגעלאָפן אין געסל. ס'איז שוין געווען טיפע נאַכט אין געטאָ. אין ערגעץ האָט נישט געלויכטן קיין ליכט. בלויז אַ גרויע, מוטנע ליכטיקייט פון די שווימענדיקע וואָלקנס איבערן געטאָ האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין דער אונטערשטער פינצטערניש. זי איז געלאָפן אין דער דאָזיקער פינצטערניש, וואָס האָט איר געקילט די שלייפן. זי איז געלאָפן מיט אַן אימפּעט, נישט וויסנדיק וואוהין. דאָס געסל האָט איצט געפירט באַרג־אַראָפּ. זי איז געלאָפן, ווי ווינטן וואָלטן זי געפירט אונטער די אָרעמס. עס איז איר אויסגעקומען ווי זי הערט פאַר זיך לויפן דעם וואָגן מיט כאַוועלען. אָט־אָט און זי וועט אים דערגרייכן. כאַוועלע ווינקט שוין פון דערווייטנס און זי זעט אַפילו ווי עס בלענדט אַרויס דער רויטלעכער שלייף פון אירע האָר. באַלד־באַלד וועט זי צופאַלן צום וואָגן. אַ פינצטערער בייזער קויעך האָט זי פון הינטן אַלץ געטריבן פאָרויס. פון איין געסל איז זי אַריין אין צווייטן, ביז זי איז צוגעקומען צו די דראָטן. זי האָט שוין נישט געוואוסט וואָס מיט איר טוט זיך. דער ווינט האָט זי געטראָגן אַ וואָיענדיקער און פינצטערער.

זי איז אין איין אימפּעט אַרויפגעפאַלן אַף די דראָטן, וואָס האָבן זיך דאָ געהויבן מיט זייער פאַרצוימונג. דער דייטש, וואָס איז דאָ געשטאַנען, האָט אויפגעפּראַלט זיינע אויגן: אַ נאַקעטע פרוי לעבן די דראָטן — זעט ער ס'ערשטע מאָל. ער האָט זיך צוריקגעצויגן און אין דער האַלבער פינצטערניש אויסגעשריגן:

— שטיין בלייבן... וואָהין,, דו העקסן־ווייב? ווילסטו אַן דען הימעל...? צו דען שטערנען...?

— יאָ — יאָ — יאָ — האָט ביילע מיט היץ אַרויסגעשטאַמלט — צום הימל.. צו די שטערן... צו די שטערן...

זי האָט אויסגעשפּרייט אירע ביידע נאַקעטע הענט איבער די דראָטן און זיך אַריבערגעבויגן מיטן גאַנצן גוף. זי איז שוין געבליבן אַזוי הענגען מיטן קאָפּ אַף יענער זייט. מיט אַראָפּהענגענדיקע הענט צו דער ערד האָט זי זיך נאָך אַביסל געוויגט ווי אַ נאַקעטער, טויטער פויגל.

לאָדזשער געטאָ, 1944.

„ודברת בם...“

— יידן, ראכמאַנים, בניי ראכמאַנים!... אין דעם זכות וועט מען אויסגעלייזט ווערן, ווי אין פּאַסעק שטייט: האקאַדעש באַרוכו האָט אונדז ארויסגעפירט פון מיצראים... וועט ער אונדז פון דאַנעט אויך ארויספירן... שענקטס א געדאַווע!... אונדזערע אָוועס זאָלן אונדז ביישטיין... זייער הייליקער זכות... און ער וועט אונדז צוריק איינזאמלען, אזוי ווי א פּאַסטוך זיין ביסל שאָף, ווי אין פּאַסעק שטייט: קערויע עדרו... שענקטס א נעדאַווע!... און אין דעם זכות וועט מען צוריק בויען ס'ביים־מיקדעש און לויבן זיין ליבן נאָמען... פאַר זיין רעכטפארכטיקייט און גנאָד, וואָס ער ווייזט ארוים צו די זין פון פאָלק ייסראָעל... ווי אין פּאַסעק שטייט... שענקטס א נעדאַווע!...

באַביידע זייטן אַף די ברייטע שטיינערנע טרעפּ פון דער טיפלע „די הייליקע מאַריאַ“, וואָס איז איינגעגלידערט געוואָרן מיט אירע שפּיציקע רויטע טורעמלעך אינעם געטאָ, ליגן א גאַנצן טאָג יידישע אָרעמעלייט. מעדינע־גייער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די אָרעמע באַלוטער געסלעך איבער די ווייטע שטעטלעך און דערפער, האָבן איצט, נאָכן פארמאַכן ס'געטאָ מיט דער צוים, נישט געהאַט מער קיין אָרט וואוהין צו גיין זאמלען פּרוטעס אַף כעיונע. ליגן זיי איצט אַף דער ברייטער קירכע־טרעפּ, זייערע קוליעס דערנעבן, מיט פארבונדענע הענט, אויסגעדרונענע אויגן און קאָלערליי כאַלאַסן. דער דייטש האָט די ערשטע צייט נישט אריינגעקוקט אין דער באַלוטער העק. יידישע אָרעמעלייט זיינען געווען האָפערדיק. אַבי יידן וועלן געבן א נעדאַווע. די פלאַכע, שטיינערנע

טרעפ פירן ארויפ גלייך צו די פארהעמערטע שווארצע שטאכעטן-טירן. דורך די פארזשאווערטע שטאכעטן זעט זיך דער רונדיקער פלאץ, וואס נעמט ארום די קירכע פון אלע זייטן. דער וועג צו די הויכע קירכע-טירן ליגט פארוואקסן מיט אלט פארגעלט גראז פון פאראיאריקן זומער. אי־בערן פרעמדן, דורך קיינעם נישט באטרעטן ארט, לויפט ארום א טוב-לער ווינט. ער האט זיך אריינבאקומען פון די שמאלע געטא-געסלעך דורך די שטאכעטן, באפאלן דאס נידעריקע פארגעלטע גראז, וואס האט צוגע-טוליעט צו דער ערד און אנגעהויבן רוישן מיט ווייטע, פרעמדע סוידעס.

א גאנצן טאג זיינען די ברייטע טרעפ באזעצט מיט ארעמעלייט און אמאליקע מעדינע-גייער. איצט זיצן דא: אפ דער ערשטער טרעפ — די בלינדע הינדע, א יידענע מיט א געל טיכל אפן קאפ, פון וואנען ס׳קוקן ארויס פארקנוילטע גרוילעכע פאסמעס האר. דוואוירע — ס׳ווייב פונעם אלט-שטאטישן שאמעש שיע-העשל, מיט אן אויסגעקראכענעם פארוק אפן שפיץ קאפ און אין דער האנט — א דיקן קארבן-מינכע-סידער מיט אויסגעבלאקעוועטע גאלדענע אויסיעס איבערן שווארצן טאוול, הינטער זיי — די לאמע צירל, וואס האלט איר קינד בא דער אפענער ברוסט. דאס קינד ציט פון דער טרוקענער הויט, וואס איז געל און אנגעלאפן.

— יידן ראכמאנים, בניי ראכמאנים... — פליסטערט די שאמעש-טע מיטן אויסגעקראכענעם פארוק גלייך אין לייזיקן געסל אריין — האטס ראכמאנעס — און אין דעם זכוס... אוי, הינדעשי... — האקט זי איבער אין דער מיט און רעדט אריין אין דער בלינדער הינדע — א בראך איז צו אונדז, הינדעשי, און צום גאנצן פאלק ייסראעל... אפ סארע ברויט מ׳איז געקומען... אוי, אונדזערע סאנים האבן דערלעבט א נעקא-מע, ס׳גאלעס איז דאך אזוי גרויס, אזוי גרויס...

די בלינדע הינדע האלט אונטער די גאמבע מיט איר האנט, קוקט מיט פארמאכטע אויגן-לעפעלעך גלייך אין געסל אריין.

— כ׳האב געזאגט, געזאגט, א בראך איז צו מיין זאגעכץ, הינדע-שי... רעב ייד, גיט עפעס און אין דעם זכוס... ווי אין פאסעק שטייט... א קלאג צו אונדז, הינדעשי, א בראך און א ווייטיק... ז׳האבן דאס ביים-מיקדעש אונדזערס כארעוו געמאכט... דאס הייליקע ביים-מיקדעשל... און די זין פון פאלק ייסראעל אין דער וועלט פארטריבן, ווי אין פאסעק שטייט: „ודברת בם”...

— „ודברת בם"... — כּאָזערט איר נאָך די בלינדע הינדע, איבערקערנדיק די אויגן-הײטלעך און ס'קוקן אַרוים טויטע, צעגאָסענע, בלינדע אַפּלען.

— ש אַ ט ס, — ווײַבער, — מורמלט צו זיי פון דער זײַט די לאָמע צירל — ס'זעט נישט, אַז ס'קינד איז מיר אַביסל אײַנגעשלאָפן...

ס'איז אַ זוניקער טאָג. הויך איבער זיי רוישן די אַלטע צווײַגן פון די קירכע-ביימער. זיי רוישן שטיל ווי עמעצנס פינגער וואָלטן פרום געמישט אַ סידער איבער די ווײַבערס קעפּ.

די שאַמעשטע דוואָוירע הערט נישט אויף אַרײַנצורײדן אין דער בלינדער הינדען:

— אַז מען וועט מיר לייגן שערבעלעך אַף די אויגן וועל איך אויך נישט אין דעם פאַרגעסן, הינדעשי... מײַן שיע-העשל זאָגט צו מיר: גיב נאָר אַ קוק, די שול ברענט דאָך... אונדזער שול, אונדזער בײס-מיקדעשל... געווען איז עס פּאַרטאָג... מײַן שטיבל שטייט דאָך האַרט דערלעבן... לעבן אַלטן בײס-מעדרעש... אַ צוויי טריט פון שול... יידן, גיטס עפּעס, אין דעם זכוס, ווי אין פּאָסעק שטייט... אַ קלאָל — ס'ברענט... איך קוק אַרוים פון פענצטער: כווישעך די וועלט... אַ סרייפע, די שול ברענט... מײַן שיע-העשל שטייט אַ האַלב-טויטער און קאָן נישט אַ וואָרט אַרויסברענגען פון מויל... אַ קאַלטער שווייס, זע איך, זיצט אים אַפן שטערן. הויב איך דאָך אָן שרייען: געוואַלד, די שול ברענט... פאַרשטאָפּט ער מיר ס'מויל, און לאָזט נישט שרייען, ווײַל די דײַטשן שטייען הינטערן פענצטער... כ'האָב גאָר געהאַט פאַרגעסן דערמלט, אַז ס'איז מילכאָמע, אַז די דײַטשן זײַנען דאָ... וואָס אַלץ ס'קאָן געשען מיט אַ יידענע... אַלע שולן אין שטאָט זײַנען שוין געווען פאַרברענט און געלעגן, ראַכמאָנע ליצלאָן, אין אַש... די ווילקער שול, די גרויסע פּאַראַדנע סינאַגאָגע... געבליבן איז בלויז אונדזער בײס-מיקדעשל, דאָס שולכל פאַר באַלעגאָלעס, פישערס און מאַרקשטייער... און שטיין שטייט עס דאָך לעבן פישמאַרק מיט איר ליכטיקע געביי... אירע ליכטיקע שויבן ווער האָט נישט געזען, די צוויי שטיינערנע לוכעס גאָר אויבן אַפן סאַמע שפּיץ... און ווער איז אַלץ נישט געקומען זאָגן טוירע דאָ... אַפילע דער מעזבעזשער מאַגיד, גערעדט פאַר באַלמעלאָכעס און טאָרגשטייער, און מײַן שיע-העשל שטייט באַ אים באַ דער רעכטער האַנט ווי דער מאַלעך גאַווריעל, ווי אין פּאָסעק שטייט... און

איצט אזא כורבן — אונדזער שול ברענט... אזא כורבן... און אינמיטן דרינגען זע איך גאָר מיין שיע-העשל לויפט ארויס און קומט צוריק מיט פולע הענט מיט שיימעס און א שטיק פּאָרויכעסל... די סייפער-טוירעס האָבן דאָך די דייטשן שוין פריער געהאַט ארויסגענומען... איר האָט שוין געזען אנומלט, גילדענע, ס'פּאָרויכעס פון אונדזער ביים-מיקדעש? אויבן איז דאָס געווען אויסגעהאַפטן מיט ריין גאָלד. פאַרצויגן מיט זילבער... בא דער זייט — עמעסע איידלשטיינער איינגענייט און אונטן? — אונטן בלויע זיידענע טראָלדן, ארומגעזוימט מיטן בעסטן פּאָדעם...

די בלינדע הינדע שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

— נישט געזען. נישט געזען, ליכטיקע, קיינמאָל נישט געזען דעם פּאָרויכעס... אנומלט בלויז געווען אין שול... איינגעוויקלט די אויגן, ס'פּאָנעם אין פּאָרויכעס... צו א סגולע... מער נישט...

— און מיין שיע-העשל שטייט מיטן פּאַק שיימעס און מיטן פּיצל פּאָרויכעס אף די הענט... און פּלוצים — ער זעצט זיך אוועק אף דער פּאָדלאָגע אינמיטן שטוב... איך הייב אים אָן שאָקלען באַם אַקסל — הייבט ער אויף די אויגן און איך זע, אז די אויגן בא אים זיינען ווי בא איינעם וואָס האָט היץ... און אליין צעלאַכט ער זיך מיט עפּעס אזא גע-לעכטערל, ראַכמאָנע ליצלאָן... דוואוירע — זאָגט ער — ציגד אָן ליכט, גרייט צום טיש, דער מעזבערזשער איז געקומען...

— טייערינקע, ס'קינד וועקט זיך מיר, האָטס ראַכמאָנעס... — דרייסט איר איבער די לאָמע צירל — הונדערט מאָל א טאָג זאָל א יידענע נישט מיד ווערן: ביים-מיקדעש אהין, ביים-מיקדעש אהער... פּאָרויכעס אהין, פּאָרויכעס אהער... אף אזא טאָמע אָרט ריידן וועגן יידישע זאַכן... פּ-ע-ע, א כילעל האַשעם...

— וועמען ס'געפעלט נישט דער זאָל נישט הערן — ענטפערט איר אָפּ מיט רוגזע די שאַמעשטע — געפונען אָן אָרט וואו צו כאָליען מיטן מאַמזער... קנעפּל ליבער צו דעם סטאַניק... שטענדיק איז דאָס אָפן מיטן בוזעם אזוי ווי... כ'וויים אליין נישט וואָס... ווי אין פּאָסעק שטייט...

די לאָמע צירל ווערט בייז און שאַרט זיך צוזאַמען. ס'קינד כאַפּט זיך אויף און וויינט. די לאָמע צירל קריגט א טרויעריק פּאָנעם און די נאָז ציט זיך איר אויס. זי נעמט פּאַרוויקלען אין א טיכל ס'וויינענדיקע קינד,

וואָס צעקייכט זיך. זי הייבט אויף דעם שטעקן, וואָס ליגט אַף דער טרעפּ און לאָזט זיך אַ הינקענדיקע אַראָפּ פֿון דער אויבערשטער טרעפּ.

— אַז פּאַרכאַפּט זאָלט עץ ווערן — וואַרפֿט זי אַרויס פֿון איר אַנ ציינינק מויל אַף די קעפּ פֿון די צוויי זיצנדיקע ווייבער — מיט ענקער פּאָרויכעס און ביים מיקדעש צוזאַמען... אַלטע קופּקע...

און זי שפּייט אויס הינטער זיך.

די שאַמעשטע מיט דער קופּקע שרייט איר נאָך אַן אָנגעצונדענע:

— ראָכעוו האַזוינע... געמיין שטיק... ווי אין פּאַסעק שטייט...

ביידע ווייבער בלייבן זיצן אַף דער טרעפּ און קוקן נאָך דער לאָמער צירל. אַ לאַנגע צייט הערן זיי זיך צו צום ווינט, וואָס האָט אָנגעהויבן עפּעס אויסמורמלען הויך איבער זיי אין די צווייגן. איבערן פּאַרקאַן אַף די צוויי ווייבער קוקן אַראָפּ די גרויסע, בלוילעכע טרויעריקע אויגן פֿון מיריעם פֿון מיגדאַל, פֿון דער גיפּסענער פיגור. עס זעט אויס ווי זיי וואָלטן פּלוצים אויפגעהויבן די שווערע גיפּסענע אויגן לעפּלעך און לאַנג נאָכגע- קוקט דער הינקענדיקער צירל מיט קינד אין געסל אַריין.

***

שיע-העשל, דער שאַמעש פֿון דער אַלט-שטאָטישער שול, איז געלעגן אין בעט. די יידענע זיינע איז נאָך ניט צוריקגעקומען פֿון געסל. אין שטוב רוקט זיך אַן דער אָוונט. די שטוב איז אַ שמאָלע, דער פּולאָפּ אַ געפּלאַצטער און הענגט מיט אָפענע לעכער אַראָפּ אַפן קאָפּ. די צוויי פענצטערלעך קוקן אין הויף אַריין, פֿון וואַנען ס'רינט איצט אַריין אַ צעגאָסענע, שיטערע בלויקייט, די בלויקייט פֿונעם אָוונט אַפן אויסגע- לאָשענעם, ווייטן הימל.

אין דער דאָזיקער שטוב הענגט איצט ווי אַ נעפּל אַן אויסטערלי- שער זויערער רייעך. הינטערן הילצערנעם וועגטל געפינט זיך דאָס ביים- האַקיסע פֿונעם הויף, וואָס שטייט זינט כאַדאָשים אַן אָפּגס, מיט אָפּגע- ריסענע טירן, מיט די אָפענע לעכער קעגן הימל. ס'האָלץ פֿון די טירן איז נאָך אין ווינטער צעכאַפּט געוואָרן, געבליבן שטיין נאָר איז דער אונ- טערשטער טייל טויער, וואו ס'געפינט זיך דאָס אומרייינקייט. ליגנדיק אַפן בעטל און מישנדיק אין אַ סייפער פאַרנעמט שיע-העשל טיילמאָל ווי אינדרויסן, הינטערן וועגטל, טוט עמיצער זיין מענטשלעך געברויך...

שיע-העשל פאַרלאָזט נישט גאַנצע כאַדאָשים ס׳בעט. אַלע יידן פון הויף, אַפילע די יידענע זיינע, האַלט אים פאַר כאָסער־דייע. דער הויף איז אַ פרעמדער. פרעמדע יידן מיט אָנגעלאָפענע פּענעמער פון הונגער, דרייען זיך הינטערן פענצטער. קינדער שטעלן זיך אַף די שפּיץ פינגער, קלאַפן אַריין אין דער שויב און קוקן מיט שרעק אַפן ייד אינעווייניק, וואָס ליגט אַפן בעט, בעיים אַף דער קאָלדרע ליגן זיינעביידע אויסטער־לישע הענט. די הענט האָבן גרויסע טיפע לעכער, ווי מען וואָלט פון זיי אויסגעברענט שטיקער פליייש. די רויטקייט קוקט אַרויס צווישן די געלע אויפגעלאָפענע הענט. דער שאַמעש שיע-העשל קוקט אַרויס פון אונטער דער קאָלדרע מיט אַן אַלט גרוי בערדעלע און אויגן אָפענע, וואָס דוכט זיך, אַז זיי זעען גאָרנישט. אַז די יידענע קומט נישט אַזוי גיך צוריק פון געסל געמט שיע-העשל אַרויס פון אַ טאַלעס-זעקל, וואָס ער האַלט טאָמיד באַ זיך צוקאָפנס, אַן איינגעוויקלטן, גלאַנציקן פאָרויכעס. ער האַלט דעם פאָרויכעס לאַנג אין די ציטערדיקע הענט, וויקלט אים פונאַנדער און אַף דער קאָלדרע פאַלט אַרויס פונעם פאָרויכעס אַ גרוילעכער פלאַכער שטיין מיט אָפּשטייענדיקע קאַנטיקע שפּיצן. ער צעלייגט דאָס פאָרויכעס אי־בער דער קאָלדרע, דעם שטיין אין דער מיט, ציט אַרויס פון טאַלעס-זעקל אַ סייפערל און לייגט עס אויך אוועק אַפן פאָרויכעס און אַזוי בלייבט ער לאַנג זיצן אַ פאַרשוויגענער, באַ ביידע זייטן — די צוויי געלעכערטע הענט, געלע און אָפּשטאַרבנדיקע. פון צייט צו צייט הייבט ער אויף די געלעכערטע הענט און לייגט זיי אַרויף אַפן שטערן. די אויגן אויסגע־לאָשענע הייבן אָן עפּעס זען אַף די טונקעלע ווענט פון קליינעם ביידערל.

די שול אַף אַלט-שטאָט איז געווען די לעצטע, וואָס איז געפאַלן פון דייטשס האַנט. אַלע יידישע שולן אין שטאָט זיינען שוין געלעגן אין אַש אָדער נאָך געטליעט מיט לעצטע בייזע פלאַמען. אין מיטן נאַכט האָבן די ווענט אָנגעהויבן ברענען. זיי זיינען פריער איבערגעגאָסן געוואָרן פון אינעווייניק מיט אַ ברענענדיקער פליסיקייט. פון די אַרומיקע הייזער האָבן אַרויסגעקוקט דערשראָקענע פּענעמער פון יידישע טאָרגשטייער, קאַצאָווים און פישער. פון די הויכע שול-פענצטער האָט זיך אָנגעהויבן רייסן אַ געדיכטער רויך. קיין פייער האָט מען נאָך נישט געזען, נאָר אַ טונקעלער, קלעפּיקער טשאַד האָט זיך געטראָגן צו די אַרומיקע בוידעם־פענצטערלעך, וואו יידן זיינען געשטאַנען מיטן פאַרפאַקטן בעטגעוואַנט.

דער רויך האָט זיך געשטאַרקט, געשטיגן העכער און העכער, אַרומגענומען מיט הונדערטער פּאַרסאַזשעטע אויסגעשטרעקטע הענט דעם רונדיקן קופּאָל גאָר אויבן און דערנאָך אַפן העכסטן שפּיץ אַרומגענומען די צוויי לוכעס, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פונעם רויך מיט זייערע גאָלדענע אויסיעס. פּלוצים האָבן שטראָמען פונקען, און אַ צעגאָסענער פלאַמען־טייך זיך אַ וואָרף געטאָן פון אונטער די קנוילנדיקע רויך־וואָלקנס און געלעקט די ווענט, די פענצטער, צוקומענדיק ביז אויבן צו די לוכעס. די פונקען האָבן געשפּריצט, אויפגעהויבן זיך ווי אַ צעשפּאָלטענער רעגנבויגן איבער די ברענענדיקע ווענט און לוכעס. אַן איימעדיקער קלאַפּ האָט אַ טרייסל געטאָן אין דער לופט. דאָס האָבן די ווענט פון דער שול אויפגעריסן, אונטערגעלייגט מיט דינאַמיט.

אַז די זון איז אויפגעגאַנגען איז אַפן אָרט, וואו ס'איז געשטאַנען די שול, געלעגן אַ קופּע שטיינער און זאַמד. די בראַמוגעס פון די הויכע שול־פענצטער, אויסגעמישט מיט שטיין און ציגל, האָבן נאָך געטליעט.

דעמלט איז דער שאַמעש שיע־העשל מיט אַ צעפלאָשעטער באָרד און צעפּראַלטער זשופּיצע אַרויפגעלאָפן אַפן באַרג ציגל און מיט די בלויזע הענט עפּעס אָנגעהויבן זוכן אינעם ברענענדיקן זאַמד. ער האָט מיט די לעצטע קויכעס צעשאַרט די צעגליטע ציגל און אָנגעהויבן פון דאָרט עפּעס אַרויסציען. ס'איז געווען אַ שטיק אָפּגעהאַקטער, צעגליטער שטיין פון די לוכעס. די צעשפּאָלטענע אויסיעס זיינען געווען שוואַרץ ווי טינט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיק שטיין אונטער דער זשופּיצע אַרונטער, וואָרעם דער שטיין האָט אים שטאַרק געבריט און געסמאַליעט די הויט פון די הענט.

שיע־העשל האָט נישט געוואוסט, אַז זוכנדיק צווישן זאַמד האָט אים דערווייל אַ קופּקעלע דייטשן, וואָס זיינען געשטאַנען מיט קליינע אַפּאַראַטלעך אין די הענט פאַראייביקט צוזאַמען מיט דער ברענענדיקער שול אַלס: „דער זוכנדע יודע אויף דען לעצטן ברענענדן יודן־טעמפּל”.

* * *

צענדליקער פודעלעך מיט זאַלבן, קאָלערליי שמירעכצן און וואַסערן האָט שיע־העשל גענוצט קעדיי אויסצוהיילן די וואונדן. דער ייד האָט נישט געקענט באַוועגן מיט די הענט און די וואונדן האָבן זיך ביסלעכ-

ווייז טיפער און טיפער איינגעגעסן אין פלייש. די הענט האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געוואָרן אַדורכגענאָגלט מיט גרויסע, ברייטע, פייערדיקע טשוועקעס. די לעבער זייַגען פון די דלאָניעס אַרויף העכער, אויפגעגעסן דאָס דיקע פלייש און זיך געזעצט באַ די געלענקן. וואָס מער דער ייד האָט געוואַשן די וואונד מיט די אויסטערלישע וואַסערן אַלץ מער איז דאָס פלייש אַרומגעוואַקסן מיט ווילדע שטיקלעך, פאַרגליווערטע בלוט-סנוילן, זיי האָבן בעשום אויפן נישט געוואָלט אָפּגיין.

פון די קינדער, וואָס פלעגן אַריינקוקן אין די פענצטער, איז דער הויף געוואָריר געוואָרן פון דעם יידנס אויסטערלישער קרענק. פון נייגער איז עמעצער צו צום פענצטער. און דערזעענדיק שיע-העשלען ליגן אין בעט מיט די געלעבערטע הענט אָפן אויסגעשפּרייטן פאַרויכעס — איז יענער אָפּגעשפּרונגען מיט שרעק פון פענצטער. ער האָט דערציילט אַ שאָכן. און באַלד האָט דער גאַנצער הויף באַקומען אַ ווילדע שרעק פאַרן יידן מיט די וואונדיקע הענט.

— צאַראַאַס — האָט עמיצער איינגערוימט וועמען אין אויער.

— אַ מעצורע — באַ אַ הויף מיט קינדער... — האָבן ווייבער זיך געשושקעט מיט שרעק אין די שמאָלע קאָרידאָרלעך.

און ס'איז געבליבן: באַמעלדן, און דעם יידן פון הויף מעשאַלייעך-זיין... ביפראַט אַז דער הויף יידן וועט האָבן אַ כיידערל קעדיי צו שטעלן אַ מיניען און דאַוועגען בעציבער...

אין זעלבן טאָג, בעיים מ'האָט צו וויסן געגעבן וואו מען דאַרף, זייַנען צוויי יונגען אַריין פאַרמיטיק אינעם קליינעם כיידערל פון שיע-העשלען און פון דאָרט אַרויסגעטראָגן אַפן הויף דאָס בעט מיטן ביסל בעט-געוואַנט. אַז שיע-העשל איז נישט אַרויס פון בעט, האָבן אים די יונגען מיטן טראָגנדיקן בעט אוועקגעשטעלט אַפן הויף. די יידענע האָט געמאַכט אַ געוואַלד, אַז יידן זאָלן ראַכמאָנעס האָבן אָף איר און אָף איר מאַן, דעם שאַמעש פון אַלט-שטאָטישער שול, וואָרעם, די יונגען, האָט זי געשריען, וועלן זיי אַרויספירן פון געטאָ... איבערגעבן אין דייטשע הענט... דער הויף איז אָבער געווען אַ לײדיקער. מענטשן האָבן פאַרבאַהאַלטענע אַרויסגעקוקט דורך די פענצטערלעך און זיך צוגעקוקט ווי מען טראָגט אַרויס דעם מעשוגענעם שאַמעש פון הויף. זיי האָבן געטראָגן דאָס בעטל, וואו ס'איז געלעגן שיע-העשל, אָף די אַקסלען און אַזוי געגאַנגען איבערן

געסל, אינמיטן וועג, ווי מען טראָגט א טראָג-בעטל פון א הייליקן בעיים א פראָצעסיע.

אז זיי זיינען ארויס פון געסל האָט שוין אף זיי געוואַרט א גרויסער ראַל-וואָגן, אויבן אפן וואָגן זיינען שוין געלעגן אנדערע כאַלאָים, וואָס די יונגען האָבן צונויפגעקליבן פון אנדערע הויפן. ארום וואָגן האָט זיך געדרייט א דייטשל. ער האָט געהייסן שיע-העשלען אראָפנעמען פון בעטל און ארייַנלייגן אין וואָגן. שיע-העשל האָט זיך געלאָזט נעמען פון די יונגען אף די אָרעמס ווי א קראַנק קינד. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרשלאָסן, די ליפן האָבן אָן אויפהער עפּעס געמורמלט. צונויפגעוויקלט אונטער זיינע אָרעמס האָט ער אף א רעגע נישט ארויסגעלאָזט פון דאָרט דאָס פּאָרויכעס מיט איינגעוויקלטן פאַרסאַרפּעט שטיק שטיין פון די לוכעס...

דער וואָגן האָט זיך געלאָזט מיט די כאַלאָים גלייך צו דער באַן.

**
*

דעם זעלביקן שאַבעס איז אין דער ליידיק געוואָרענער שטוב נאָך דעם שאַמעש שיע-העשל און זיין יידענע געשטאַנען א מיניען יידן און געדאַוונט. פאַרן אָמעד איז געשטאַנען א נידעריק דיק יידל איינגעהילט אין א טונקעלן טאַלעס און מען האָט אים קוים ארויסגעזען. דער אוילעם האָט געדאַוונט מיט האַסמאָדע, וואָרעם די גאַנצע צייט איז נישט געווען קיין באַזונדער ביידערל וואו זיך צונויפצוקומען אין א מיניען. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אז מען האָט געקענט שיקן א טפילע בעציבער צו אים, וואָס זיין נאָמען טאָר נישט דערמאָנט ווערן... דאָס יידל באַם אָמעד האָט זיך געריסן:

— „ואהבת את אדוני אלהיך, בכל לבבך ובכל נפשך...״

און צוקומענדיק צו די ווערטער: „ודברת בם״ האָט ער צעשפּרייט זיינע צוויי שוואַרצע הענט איינגעהילטע אינעם טאַלעס, א פּאַטש געטאָן אין די דלאָניעס און זיך צעקרייט ווי א שוואַרצער צעפלאָשעטער האָן...

.1941

דער רעבע פון סאַמפּאָלנע

אין יענעם יאָר איז קיין זומער אין גאַנצן נישט געווען. ס'איז שוין געווען אַ שטיק נאָך פּייסאַך — ווי ס'האָט פּלוצים ווידער אָנגעהויבן יאָגן אַן אייז־קאַלטער ווינט. אין כאָלעל איז געהאַנגען די בלייכקייט פון פאַרביישווימענדיקע טויטע וואָלקנס. נאָכן אָפּטרעטנדיקן ווינטער איז פון כאַנוקע־צייט אָן געהאַנגען איבער די דעכלעך אַ נעפּלדיק געוועב פון בלוילעכע שנייען. מען האָט געמיינט, אַז ווי נאָר די זון וועט אָנהייבן שטאַרקער וואַרעמען — וועלן די בלויע געוועבן פאַרשווינדן און דער הימל וועט זיך ווייזן איבער די דעכלעך. ס'איז אָבער שוין געווען אַ שטיק אין זומער אַריין — און מען האָט אַלץ דעם הימל לאַכלוטן נישט אַרויסגעזען. אין די באַגינענס, בײַ זון־אויפגאַנג, האָט זיך בלויז וואו נישט וואו יאָ אַף אַ רעגע אַ ווייז געטאָן אַן אָפּגעריסן פּיצל הימל־בלויקייט. איז עס אָבער באַלד צערונען, ווייל דער ווינט, אַ קאַלטער און שעדישער, האָט דאָרט אַראָפּגעלאָזט זיינע פאַרסאַזשעטע וואָלקן־פאָרהענגלעך. דורך די פענצטער־פראַמוגעס און אין די בוידעם־לעכער איז אָן אויפהער אַרומגעלאָפן אַ רועכדיקער, פון קעלט אָנגעשוואָלענער ווינט. ייִדן, וואָס האָבן שוין באַצייטנס געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די דיקע, אויסגעטראָגענע מאַלבושים, האָבן זיי ווידער אַפירגענומען פון אונטער די פּריטשעס און אַפּסניי געזוכט עפּעס צו צעהאַקן אַף האָלץ. דורך אַ גאַנצן טאָג האָט די זון אַהער נישט אַראָפּגעקוקט. אין די געסלעך האָט זיך געזיפּט אַ טריבע פינצטערניש. מיט יעדן טאָג איז די דעמערונג געוואָרן געדיכטער. טיילמאָל האָט זיך פון אונטער די וואָלקנס אַפן הימל אַדורכגעשלאָגן אַ געלבלעכער פלעק, מיט שטאַרק־פאַרויטלטע אָנגעלאָ-

פענע ראנדן. דער פלעק האָט זיך פאַמעלעך געגליטשט ווי בעיים א ליקע-
כאַמע און אויסגעזען אונטער די וואָלקנס ווי אַ גרויסע אָנגעצונדענע מע-
שענע מאַטבייע.

צווישן די יידן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין געסל, האָט זיך גע-
זעצט אַ פאַכעד און צוגלייך אַ ציטערדיקע יידישע טרייסט. פון אָפּגע-
ראַטעוועטע אַלטע יידישע ספאָרים איז עמעצער דערגאַנגען, אַז אין דעם
זעלבן יאָר טאַקע וועט אין די גאַלגאַלים פאָרקומען אַ גרויס איבערקע-
רעניש און אויפטרייסלונג, וואָס קאָן ברענגען דעם אונטערגאַנג פון דער
וועלט. און זיין וועט דאָס אין אַ צייט פון גרויסע יידישע צאָרעס און
רעדיפעס. דורך רעמאָזים און פאַרוויקלטע גימאַטריעס האָט מען אויס-
געפונען, אַז דאָס דאָזיקע יאָר וועט זיך אָנהייבן מיטן פאַרשווינדן פון
זומער. צוערשט וועלן זיך שטעלן טעג קורצע, אָפּגעהאַקטע. די זון וועט
זיך קוים אַמאָל באַווייזן, ביז זי וועט זיך אינגאַנצן אויסלעשן. זי וועט
הענגען ווי אַן אויפגעגאַנגענער לאָמפּ אין כאָלעל צווישן די וויסטע גאַל-
גאַלים. פייגל וועלן אין מיטן פלי אַראָפּפאַלן טויטע אַף דער ערד ווי
שטיינדלעך.

ס'איז אָבער געווען אַ צווייטע קיטע יידן פון זעלבן געסל, וואָס
האָט געזאָגט גאָר פאַרקערט: — די זון וועט טאַקע זיך נישט ווייזן, זי
וועט אויסזען ווי איינגעלאָשן, נאָר דורך צרופים און אַלערליי פסוקים
האָבן זיי אויפגעוויזן, אַז דאָס וועט נאָר זיין אַן אָנדייט אַף דעם, אַז די
וועלט גרייט זיך צום גרויסן קעץ... לויט זיי וועלן אָנקומען טעג אָן ליכט,
די זון וועט זיין ווי אָפּגעשטאָרבן, די שטערן וועלן פאַרשווינדן פון די
געוועלבן, שטאַרקע שניי-זאַוויערוכעס, מיט דונער און בליץ, וועלן אויס-
ברעכן. אָבער דאָס אַלץ וועט זיין אַ סימען, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן...
דאָס וועט טאַקע געשען אין יאָר פון טיפסטער פינצטערניש פאַר יידן.
און אין דעם דאָזיקן יאָר פון די גרעסטע יידישע צאָרעס וועט פון מיז-
רעך-זייט, צוזאַמען מיטן מאָרגנשטערן, אויפגיין אַ העל ליכט. און דאָס
ליכט וועט קומען ווי אַ סרייפע, וואָס וועט פאַרלענדן אַלדאָס בייז פון
דער וועלט, אויסראָטן דעם סאָטן און אַלע מאַשכיסים פון יידישן פאָלק.
ס'וועט קומען די שאָ פון ליכט און דערלייזונג...

ווייבער און אַלטע יידן פון געסל האָבן געזען טאַקע אינעם מעשו-
נעדיקן זומער אַלערליי סימאָנים, וואָס זיינען אויסגעלייגט אין די היי-

ליקע ספאָרים. די גזיירעס פון דייטש האָבן טאַקע געברענגט צו דער
גרעסטער פינצטערניש פאַר יידן. אַרום און זיינען די הויפלעך גע־
שטאַנען אָפענע און וויסטע ווי טהאָרע־שטיבלעך. דאָרט זיינען טאַקע
געלעגן די געשטאָרבענע, נאַקעטע און נישט פאַרדעקטע. קיינער איז זיי
נישט געקומען צונעמען. זיי זיינען געזעסן באַ די טישן, אָנגעלענטע אַף
די עלנבויגנס און אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געדרימלט. לעבן זייערע גרויע,
אויסגעלאָשענע קעפּ זיינען געלעגן פאַרטריקנטע קאַרטאָפל־שאָלן.

די פּאָר צענדליק פאַרבליבענע יידן פון געסל פלעגן זיך ערשט פאַר־
נאַכט אַריינכאַפּן צום סאָמפּאָלנער, אָפּצודאַווענען בעסאָד אין זיין כיי־
דערל. דער סאָמפּאָלנער האָט באַ זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָפּלטער
וואַנט אַ שמאָל סייפער־טוירעלע, וואָס איז געווען אַרומגעהילט מיט אַ
בלוי מענטעלע, אויסגעזעצט מיט פאַרשידענע בלישטשענדיקע שטיינער.
קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען עס נעמט זיך צום זאָקן דאָס
סייפער־טוירעלע און שטילערהייט האָט מען טאַקע געזאָגט זיך, אַז דאָס
אַלץ שטאַמט פון אים, פון סאָמפּאָלנער רעבע. ער האָט דאָס באַ יעדן
דאַווענען אָנגעזאָגט די יידן די גוטע בסורע... ער האָט דאָס אַרויסגע־
לייענט פון די הייליקע ספאָרים...

* *
*

דער רעבע פון סאָמפּאָלנע איז געזעסן באַ זיך אין כיידערל אָן איינ־
געהויקערטער איבער אַ צעריסן פאַרשטויבט סייפער. אין שטיבל איז
געשטאַנען בלויז אַן עמער מיט וואַסער און אין ווינקל אַ בענקל מיט דריי
פיס און דאָס פערטע פיסל איז געווען אַ רויטלעכער שטויס ציגל. אַפן
פענצטערל איז געזעסן אַן אַלטע דיקע קאַץ, וואָס איז דעם רעבן נאָכגע־
גאַנגען די לעצטע כאַדאָשים טריט באַ טריט. באַנאַכט האָט זי אַפילע
געדרעמלט מיט אים צוזאַמען באַ זייַנע דאַרע פיס. עס איז געווען אַביסל
אויסטערליש. בעיים אין געטאָ זיינען קיין קעץ אינגאַנצן שוין נישט גע־
ווען — האָט זיך באַם סאָמפּאָלנער די קאַץ געכאָוועט און זיך געפּאַשעט.
דער רעבע פלעגט שלאָפן מאָמיד אין די זאָקן, מיט אַן אָפענעם טאַלעס־
זאַק באַ דער זייט. ער פלעגט זיך אויפרייסן פון מיטן שלאָף, אַרויפוואַרפן
אַף זיך דעם טאַלעס און פלוצים מאַכן אַ געוואַלד. ער האָט געברילט און
געטופּעט מיט די פיס אין דיל. שכיינים האָבן זיך אויפגעכאַפּט און גע־

מיינט, אז די דייטשן שלעפן שוין ווידער יידן אפן הויף אראפ... אבער דער רעבע האט לאנג נישט געשריען, ווייל די קויכעס האבן אים פאר־לאזט צוליב זיין קראנק, אלט הארץ. ער האט אנגעהויבן וויינען און זיך פארגאנגען ווי א קליין, שוואך אויפעלע. די גאנצע צייט האט זיך אים די קאץ געוויקלט בא די פיס און ארויסגעגעבן פון זיך קינדערישע יעלאָ־לעס. ער האט זיך דערנאך אוועקגעשטעלט, דער סאמפאלנער, באם פענצ־טערל און געקוקט צו די שטערן. מיט די הענט האט ער אנגעהאלטן די פענצטער־פראמוגעס. דערנאך האט ער אויפגעפראלט די פענצטער און ארויסגעשטעקט זיינע געלע הענט, לאנגע וואקסענע יאמקיפער־ליכט.

— געוואלד, טאטע זיסער!... ווי לאנג? ווי לאנג? — פרעג איך דיך... ווי לאנג דארף איך, דער סאמפאלנער, קלאפן אין דיינע שאריי דאכמים... געוואלד, טאטע זיסער, געוואלד!...

ער איז לאנג געשטאנען אן איינגעוויקלטער אין טאלעס באם אפע־נעם פענצטערל און געשריגן אין הויפל ארוים צו די שטערן.

יידן האבן דעם סאמפאלנער נאך לאנג פאר דער מילכאמע געהאלטן פאר א ייד כאסער־דייע... אז ס׳פלעגט עמעצער איבערטרעטן זיין שוועל פלעגט ער קוידעם קאל יעגעם שטארק אנהייבן צו טרייסלען און דערנאך אים מעכאבעד זיין מיט פייערדיקע פעטש. שפעטער פלעגט ער ארויס־נעמען פון שאנק א קליין פויעריש פידעלע אף דריי סטרונעס און אויס־שפילן עפעס א שיינעם ניגן. דער סאמפאלנער האט געשפילט און גע־האלטן אין איין שרייען:

— אייזל!... פויערן־וואיטיק... הערסט דעם ניגן פון מאשיאך בען דאוויד?

און שפעטער ארויסגעווארפן דעם ייד הינטער דער שוועל מיט א פאר בוכצעס.

וואס מער דער סאמפאלנער האט געפאטשט און געטריבן פון זיך דעם אוילעם, אלץ מער זיינען יידן געגאנגען צו אים און כאטש געוואלט אויסהערן זיין פידל־שפילן. טייל האבן געזאגט, אז נאכדעם ווי זיי האבן געהערט דאס פידעלע — האט זיך עפעס בא זיי דאס הארץ געעפנט און א יאנטעוודיק ליכט האט פארפלייצט זייער איינגעווייד. דער גרעסטער טייל האט אבער נישט געוואלט הערן דערפון. זיי האבן אויסגעטייטשט,

אז דער סאַמפּאַלנער איז פּאַשעט אַ ייד אַ מעשוגענער... נישט אַנדערש, אַז ער האָט צו טאָן מיט קישעף...

***

אַז די געלבלעכע דעמערונג איז אין געטאָ געוואָרן גערדיכטער, האָט דער סאַמפּאַלנער געהיימן איינגפּאַקן דאָס רעשט ביסל יידישקייט, מאַכן קליינע קלומעקלעך און זיין גרייט אַף גרויסע געשעענישן. יידן האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן בעפיירעש געזען באַנאַכט אַפּן פינצטערן הימל ווי די גרויסע שטערן אין מיירעוו-זייט האָבן זיך איינציקווייז אויסגעלאָשן און צעפאַלן. זיי זיינען אַראָפּגעפאַלן אין פּיץ-פּיצלעך איבערן טהאָם, וואו ס'שפּרייט זיך אוים דאָס געטאָ...

פון אַלע טעג אין כוידעש סיוון איז דער דרייצנטער טאָג אויפגעשטאַנען אַ מער פינצטערער ווי די פריערדיקע טעג. דאָס קאַרגע ביסל פאַרטאָג-ליכט איז באַלד צעשוואָומען געוואָרן. אין מיטן טאָג איז ווידער געוואָרן נאַכט. אַ קלעפּיקע פּינצטערניש האָט זיך געשאַרט אין די ווינקלען. די זון איז גאָרנישט אויפגעגאַנגען. פון געסל זיינען אַלע יידן אַריינגעלאָפן דורך די הינטער־הויפלעך צום סאַמפּאַלנער רעבן. ווייבער האָבן געוואָלט אָנהייבן צו יאָמערן אַפּן קאָל, נאָר אַז זיי האָבן דערזען ווי דאָס ביידערל פון סאַמפּאַלנער איז איבערפולט מיט יידן און ער אַליין, דער זאָקן, שפּרייזט אַרום אין הויבע, ווייסע זאָקן — האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן דאָס געוויין. ס'איז געווען אַ היציק גערדראַנג איבער דער שוואַרצער שוועל פון ביידערל. מ'האָט בעפיירעש געזען די וואָרהאַפטיקייט פון אַלע פאַרויסזאָגעכצן. יידן האָבן אַרומגערינגלט דעם סאַמפּאַלנער, געקוקט אונטערטעניק אין זיין אויסגעקרימט ווײַס פּאָנעם. זיין אַלט פּאָנעם איז געווען באַוואָרפן מיט אַ פלאָם פון אַן אינעווייניקסטער, נישט מענטשלעכער סימכע. די הויזן זיינען אים אונטערן צעריסענעם באַלאַטל יעדע רעגע אַריבערגעפאַלן איבער די ווייסע זאָקן. ער האָט זיך איינגעבויגן צום דיל, קעדיי זיי צו פאַריכטן — איז ער אַזוי געלעגן אַן איינגעבוקטער אַ לאַנגע צייט, ווי ער וואָלט אַריינגעווײנט אין זיין שוים. בעיים ער איז אַזוי געלעגן האָט אויך אין דער פינצטער זיין מאָגן־דאָוויד-לאַטע אַף דער פּלייצע אָנגעהויבן שלאָגן מיט אַ גאָלדענעם שיינעם גלאַנץ. אין שטיבל איז געווען אַזוי פינצטער, אַז ס'האָט נישט געזען איינער דעם צווייטנס

פּאָנעם. די קינדער אַף די ווייבערס הענט האָבן אָנגעהויבן שטאַרק וויי־נען און שרייען „מאַמע...". דאָסביידערל איז געוואָרן אַזוי פול, אַז מ'האָט שוין געמוזט שטיין אַף איין פוס. אינדרויסן איז געשטאַנען אַ בייזע טונקלקייט, ווי אַ צעפּאַטלטע מעכאַשייפע. דער סאַמפּאַלנער האָט אַרויפגעוואָרפן אַף זיך דעם טאַלעס און אויפהייבנדיק איבער די יידנס קעפּ דאָס סייפער־טוירעלע, האָט ער הייזעריק אַ געשריי געטאָן:

— יידן, זייטס גרייט... לאָמיר גיין, לאָמיר אַלע גיין... שטאַרקט זיך יידן... לאָמיר אַרויסגיין צוזאַמען... קומטס יידן...

ער איז דער ערשטער אַרויס. נאָך אים איז געגאַנגען די איידעע אונ־טערן אויסגעלאָשענעם הימל מיט אַ פּאַרכטיקן, שטילן גאַנג איבער די שטיינער. קיין פּיצל זון־שיין איז נישט געפאַלן פון אויבן. זיי זיינען אַלע לאַנג געגאַנגען, ווייל דאָס געסל איז געווען אַ שמאָלס און זיך פאַרענדיקט מיט אַן אויפגעהויבענער טונקעלער וואַנט. דער סאַמפּאַלנער איז אַלץ געגאַנגען פאָרויס מיטן סייפער־טוירעלע אַף דער האַנט. דורך אַן ענג טירל אין דער וואַנט האָט זיך דער אוילעם געלאָזט איצט אַף ווייכער ערד. מען ווייסט נישט ווי אַזוי מען איז פּלוצים שטיין געבליבן אַפן ריי־נעם פעלד, וואָס פירט צום בייסוילעם. מען האָט עס דערקענט דערפון, וואָס ווייבער זיינען גייענדיק געפאַלן און מיט די הענט אָנגערירט מאַ־צייוועס. זיי האָבן זיך דערשראָקן, צוגעלאָפן נעענטער צום זאָקן און אָנ־געהויבן שרייען:

— סאַמפּאַלנער רעבע... וואו פירט איר אונדז? סאַמפּאַלנער רע־בע... קערט זיך צוריק, גייט נישט דאָרט... דאָרט זיינען דאָך די דראָמן... סאַמפּאַלנער רעבע, סאַמפּאַלנער רעבע...

נאָר דער סאַמפּאַלנער האָט שוין גאָרנישט געהערט וואָס די ווייבער שרייען צו אים. ער איז געגאַנגען מיטן אַרומגענומענעם סייפער און אָנ־געהויבן זינגען פאַר זיך עפּעס אַ ניגן. דאָס איז געווען אַן אַלטער טאַל־נער ניגן און עטלעכע יידן האָבן אין דער פינצטער אונטערגעהאָלפן. ס'האָט גאָר פּלוצים אָנגעהויבן בלאָזן אַ קילער פּראַסטיקער ווינט און אַפילע אַ לייכטער שניי ווי זילבערנע מאַטבייעס האָט אָנגעהויבן פּרישן אַף די יידן. אַ גרין שאַרף ליכט האָט אַ שניט געטאָן אין דער פינצטער־ניש, ווי אַ בליץ וואָלט באַלויכטן דעם פאַרצוימטן שטעטל אַרום. די יידן זיינען געגאַנגען אַף שמאָלע סטעזשקעלעך צווישן אַלטע יידישע מאַציי־

וועם. די שניי-זאווייערוכע און דער בליץ זיינען געווען די לעצטע סימאָ-
נים לויט די הייליקע ספאָרים. דער סאָמפּאָלנער האָט שוין געטראָגן איצט
אַף איין אָרעם אַ קליין קינד און אַפן צווייטן דאָס אַרומגעהילטע סייפער.
ער איז געגאַנגען טאַנצנדיק און געשריען הינטער זיך:

— יידן, שרעקט זיך נישט... זעט — אַלע צוימען פאַלן... אַלע גרע־
נעצן פאַרשווינדן... מיט קויעך יידן, אַרויס... אַרויס... זעט,
נישטאָ קיין צוים מער... יידן, לויבט דעם בוירע אוילעם...

און דער סאָמפּאָלנער רעבע איז טאַקע געגאַנגען דער ערשטער אַפן
פּיצל פעלד לעבן אַלטע, איינגעפאַלענע מאַצייוועס. ער האָט זיך אָבער
אויסגעגליטשט און פאַלנדיק מיטן שטערן אָנגעקלאַפּט אין קאַנט פון אַ
שטיין. ער האָט זיך אָבער באַלד אויפגעהויבן און ווייטער געגאַנגען.
ס׳האָט נאָך אַמאָל אַ בליץ געטאָן אַף די נידעריקע ערד־בערגלעך. גרינע
שטרייפן האָבן זיך געשלענגלט פון דער פינצטער. דער שניי האָט האָס-
טיקער געפרישעט. דעמלט האָט דער סאָמפּאָלנער בעכוש שוין געזען, אַז
פון די פינצטערע בערגלעך האָבן זיך אויפגעהויבן געשטאַלטן: מאַנצ־
בילן, ווייבער און קינדער, אין לויזע טויטן-העמדער און טייל אינגאַנצן
נאַקעטע. זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צו מיזרעך-זייט. הינטער דער איידע
האָט נאָכאַמאָל אַ בליץ געטאָן. זיי זיינען געגאַנגען פאָרויס, באַגאָסענע
מיט אַ גרין, ציטערדיק ליכט.

.1943

אַבראַשאַ גייט צום ניעמאַן

— אוי-ווײ איז מיר, הערט זיך אײַן, זאָגט מיר: ס'איז ווײַט דאָ צום ניעמאַן? עפּשער ווייסט איר, כ'בעט אײַך, וואו קען מען זיך באַגראָבן, האַ?

עמיצער האָט מיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אין גאַס. כ'הויב אויף די אויגן:

א פרוי — איר עלטער? שווער צו זאָגן. אינגאַנצן אײַנגעהילט אין שוואַרצן, מיט אַ לעדערנער שוואַרצער טאַש אונטערן אָרעם. איר קאָפּ איז פאַרוואָרפן מיט אַ שוואַרצן שאַל וואָס הענגט אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען. ס'פּאָנעם: ווײַס און אָנגעשוואָלן מיט אַראָפּהענגענדיקע לויזע טאָרבעלעך. די אויגן — ווילדע, אומרויִקע, צעגאָסענע, מיט צעשפּאָל-טענע שוואַרצאַפּלען פון עפּעס אַ שרעק און שיגאָען. די הענט אין לענג-לעכע ביז צו די דאַרע עלנבויגנס שוואַרצע הענטשקעס. ס'מויל — דין פאַרקרימט, מיט עטלעכע ווײַסע געשטאָרבענע ציין.

— זאָגט מיר, עפּשער ווייסט איר, וואו קען מען זיך באַגראָבן, האַ? כ'גיי שוין דאָ אַרום פון אינדערפרי און פרעג איטלעכן און קיינער וויל מיר ניִשט אָפּענטפערן. געוואַלד, מענטשן, איז טאַקע אַזוי שווער צו שטאַרבן? ליכטיקער, איך זע, אַז מיט אײַך קען מען ריידן (זי לייגט דער-ביי אַרויף איר האַנט אויף מײַן אַקסל), איר זעט אויס צו זײַן אַן אָרנט-לעכער מאַן... אוי-ווײ איז מיר, איר ווייסט? (זי קוקט מיך אָן פון אויבן ביז אַראָפּ) איר זײַט דאָך אינגאַנצן ענלעך צו אים, אָבער אינגאַנצן ענ-לעך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער צו מײַן אַבראַשאַ... איר האָט ניִשט גע-

קענט מיין אבראשאָ? אוי-ווײ איז מיר, ווער האָט דאָס גישט געקענט מיין אבראשאַ... איר האָט אים יאָ געמוזט קענען, ווארעם ס'איז דאָך נישט געווען אַ מענטש אין שטאָט וואָס זאָל נישט קענען מיין אבראשאַן. מיין אבראשאַ... זיין הייך, זיין קאָפּ האָר, זיין גאַנג... מיר פלעגן דאָך ארויסגיין צוזאַמען שטענדיק, טאָמיד צוזאַמען — פלעג איך אים גרייכן ביז אָט-אָ דאָ. מאַמעלע, פלעגט ער זאָגן, דו ווילסט וועל איך דיך נעמען אויף די הענט... איר לאַכט? אוי-ווײ איז מיר... ער איז דאָך געווען אַזוי שטאַרק, אַ גיבער... אַז ער פלעגט מיך נעמען פאַר דער האַנט פלעגט זי מיר ווײ-טאָן. אבראשאַ — זאָג איך — לאָז אָפּעט, ס'טוט ווײ... פלעגט ער מיך כאַפּן קושן... זאָג איך אים: קינד-לעבן, ס'איז דאָך נישט שיין אינמיטן גאַס, סטאַס פון דער הוילער הויט ארויס? קוק, מענטשן וועלן דאָך מיינען גאָט ווייס וואָס. זאָגט ער: מאַמעלע, כ'וועל דיך טראָגן אויף די הענט און זאָלן אַלע מענטשן זען... און איידער וואָס ווען — ער כאַפּט מיך אויף זיינע שטאַרקע הענט און טראָגט מיך אַזוי איבער דער גאַס. לויפן דאָך מענטשן אָן: געוואַלד... אבראשאַס מאַמע כאַלעשט... לאַכט ער, מיין אבראשאַ... און איך שעם זיך ארויסצוקוקן צו מענטשן. ס'איז דאָך אַ בושע, ווי זאָגט איר, עפּשער נישט? (זי נעמט ארויס פון דער לעדערנער טאַש אַ פאָטאָגראַפיע.) אוי-ווײ איז מיר... איר זעט זיינע האָר? זיין קאָפּ? און וויפל, מיינט איר, איז ער אַלט געווען? וויפל זאָגט איר? דרייסיק? כאַ-כאַ — מיין אבראשאַ דרייסיק יאָר... גאָט איז מיט אייך... איינגאַנצן 19 יאָר, נו, וואָלט איר געגלויבט אַמאָל? ניינצן יאָר? האָ? מענטשן האָבן דאָך אונדז אָנגענומען פאַר ברודער און שוועסטער ווען מיר פלעגן גיין אין גאַס. ווײ איז מיר, אבראשאַ, וואו האָסטו מיך איבערגעלאָזט? וואו האָסטו איבערגעלאָזט דיין מאַמע סערקעלע?

זי קוקט מיך אָן מיט אַ פּאָר פאַרגלאָזטע אויגן. די ווייסלעך אין זיי זיינען געוואָרן שיטערער און פון די געשפּאָלטענע אַפּלען גייט אָן אומ-היימלעכער גלאַנץ.

— איך זע, אַז איר זייט אַן אָרנטלעכער מאַן. מען דערקענט עס אייך באַלד. מען קאָן מיט אייך אויסריידן אַ וואָרט. ס'איז דאָך נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן. זיי אַנטלויפן פון מיר, זיי מיינען, אַז כ'בין, כאַס וועשאַלעם, אַראָפּ פון זינען... אַז איך רעד נישט קלאָרע רייד... ווײ איז מיר, איך, סערקעלע אבראַמאָוויטש, זאָל אַראָפּ פון

זינען? גאָט איז מיט אייך... איך פרעג אייך, איידעלער: אַז מען וויל זיך אויסגיסן ס׳האַרץ פאַר אַ מענטש — אַנטלויפן זיי גאָר. זיי האָבן מוירע. כ׳בעט אייך, איידעלער, זאָגט מיר, ווי פּאָלאַגאַיעט זיך דאָס, האַ? נאָר מיט אייך, זע איך, קאָן מען אויסריידן אַ וואָרט, איר זעט אויס צו זיין אַ איידעלער מאַן, וויל איך אייך טאַקע פרעגן, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואו קען מען זיך באַגראָגן, האַ? — איר שמייכלט? פאַרוואָס שמייכלט איר, איר מיינט אַז כ׳טרייב קאַטאָוועס? איר ווילט שוין אַוועקגיין? ניין, טייערינקער, וואַרט נאָך צו אַ ווייל, באַ אייך זיינען די הענט, זע איך, גראַד ווי באַ מיין אַבראַשאַן... געהאַט אויך אַזעלכע לאַנגע פינגער... איר שפּילט אויך פידל? ניין? עפּשער קלאַוויר? אויך נישט? טאָ פון וואַנען קומען צו אייך אַזעלכע פינגער? האַ? אַבראַשאַ, פלעג איך זאָגן, מיט אַזעלכע פינגער וועסטו ווערן אַ גרויסער פידלער; אַז ער איז אַלט געווען פינף יאָר האָבן מיר דאָך געוואוינט אין דער ליטע. איר האָט נישט געהערט פון איסאַק אַבראַמאָוויטש? נו, זעט איר, דאָס איז דאָך געווען מיין מאַן. און פון דער מיל האָט איר געהערט? און דער טאַרטאַק אונדזערן האָט איר געזען? און די שטאַלן, און די פערד, און די בעהיימעס... און דערנעבן האָט אַזוי געבולבעט דער ניעמאַן: בול-בול-בול-בול... איר האָט ווען עס איז געזען דעם ניעמאַן? קיינמאָל נישט? אַ שיין וואַסער, עפּעס אַזאַ מילד וואַסער, ס׳מאַכט לויטער ס׳האַרץ, און ס׳האַרץ ווערט אַזוי שטיל, אַזוי שטיל... איר געדענקט עפּשער ווי מיר זיינען געזעסן באַם ברעג: איך, איסאַק — מיין מאַן, און ער — אַבראַשאַ. יעדן אָוונט זיצן מיר אַזוי באַם ברעג, אַ פלאַכער ברעג און ס׳שטייען אַרום שמעקעדיקע קוסטעס. ס׳וואַסער פון ניעמאַן איז וואַרעם, פליסט אַזוי רויק צווישן די בערלינקעס... די זון שטייט איבערן וואַסער, אַ גרויסע אָוונטיקע זון. זאָגט מיין איסאַק:

— סערקעלע — זאָגט ער — דו זעסט ווי די זון פאַרגייט אפן ניעמאַן?

זאָג איך: כ׳זע. ס׳איז טאַקע שיין. זאָגט ער:

— סערקעלע — זאָגט ער — הערסט ווי ס׳וואַסער רוישט צווישן די בערלינקעס?

זאָג איך:

— כ׳הער ווי ס׳וואַסער רוישט צווישן די בערלינקעס.

זאָגט ער מיר:

— באַלד סערקעלע — זאָגט ער — באַלד לאָזט זיך די זון אַראָפּ, הערסט ווי די פּויערן זינגען אַפּן פּעלד?

זאָג איך: כ׳הער די פּויערן זינגען שיין אַפּן פּעלד, אַז די זון לאָזט זיך אַראָפּ אַפּן ניעמאַן... אַ־האַ... אַ־האַ... אַ־האַ...

און וואָס מייגט איר טוט דעמלט מיין אַבראַשאַ? ער איז דאָך נאָך אַ קינד דעמלט. קוים פינף יאָר, נאָר די אויגן, הערט איר, זיינען באַ אים, נישט קיין אויגן. איר האָט שוין געזען אַנומלט באַ אַ קינד אַזעלכע אויגן? נאַט, זעט... דאָס זיינען אויגן? גאָרנישט קיין אויגן, כ׳ווייס אַליין נישט וואָס... ווי איז מיר, וואו זיינען מיינע אויגן, וואו זיינען מיינע אויגן, אַבראַשאַ?

— איר איילט זיך? איר זייט דאָך, זע איך, אַן איידעלער מאַן, טאַ וואַרט נאָך צו אַ ווייל. איז מיין נאָמען נישט סערקעלע, אויב כ׳וועל אייך לענגער אויפהאַלטן. וואָס, איר מוזט שוין גיין? ווי איז מיר, וואו גייט מען? ש־אַ־ט... איר ווייסט וואָס? ס׳איז וווייט דאָ צום ניעמאַן? עפּשער ווייסט איר וואו קען מען זיך באַגראָבן, האַ?

...כ׳האָב מיך אַזוי געבעטן באַ אים, באַ מיין אַבראַשאַן: וואו ווילסטו לויפן? וואו? ניין, זאָגט ער, מאַמע, אַלע זיינען שוין אַנטלאָפן פון שטאָט, איר געדענקט דאָך די בעהאָלע, פּאַראַיאָרן, קומט ער אַריינצולויפן פון גאַס: מאַמע — זאָגט ער — און פאַלט מיר צו די פיס, אַלע זיינען שוין אַנטלאָפן, אַלע אַנטלויפן... מ׳האָט מוירע פאַרן דייטש וואָס שטייט שוין הינטער דער שטאָט... זאָג איך צו אים: אַבראַשאַ־קרוין, אַבראַשאַ-גילדענער, בלייב מיט דער מאַמען דאָ... און כ׳קוש אים די האָר, געהאַט לאַנגע האָר מיין אַבראַשאַ, זאָגט ער גאָרנישט און פאַלט מיר צו די פיס, זע איך דאָך דער יונג וועט אַנטלויפן, נעם איך און קלאַמער זיך אין זיין קאָפּ און קוש אים די אויגן, קוש אים די הענט, קוש אים די פינגער... דערנאָך זאָגט ער: מאַמע — זאָגט ער — גיב מיר אַ זעקעלע... צו וואָס דאַרפסטו אַ זעקעלע? — פרעג איך. ענטפערט ער מיר: אַריינצולייגן אַ העמד און אַ פּיצל ברויט. לייג איך אים אין זעקל מיט: אַביסל צוקער, אַ פּאָר סקאַרפּעטקעס און פּאָדעם. כאַפּט ער מיך אַף די הענט און קושט מיר ס׳פּאָנים. מאַמעלע, זאָגט ער, כ׳גיי צום ניעמאַן, גיי איך... אַבראַשאַ, זאָג איך, גייסט צום ניעמאַן, טאַ נעם מיט דער מאַמעס בראָכע און

אַליין דערמאַנט זיך מיר: אַ גילדענער ניעמאַן. זון אויפֿן וואַסער. בער־לינקעס — בול־בול־בול־בול...

...ווײ איז מיר... ס'איז שוין שפּעט... איר ווייסט וואָס? איר האָט עפּשער אַ בלײשטיפֿט? אַ דאַנק. ווי איז אײַער נאָמען? עפּעס באַקאַנט... צי זײַט איר נישט פֿון דער ליטע? נײַן? אַ שאָד... איר זײַט אַ דאַאיקער? שוין לאַנג? מײַן אַבראַשאַ וואָלט אײַך ליב געהאַט? ער האָט ליב געהאַט אַזעלכע מענטשן ווי איר... ווײ איז מיר... מײַן אַבראַשאַ איז אַוועק. איז אַדורך אַ וואָך, דערנאָך אַ כוידעש. די אַנטלאָפֿענע האָבן אָנגעהויבן צו־ריקקומען. גײ איך זיך נאָכפֿרעגן בײַ מענטשן: מענטשן ליבע, בעט איך זיך בײַ זיי, צי האָט איר נישט געזען מײַן אַבראַשאַן? ער איז געגאַנגען צום ניעמאַן, צום ניעמאַן איז ער געגאַנגען... זאָגט מען מיר: ס'האָט קיי־נער נישט געזען, נאָר איינער אַ יונגערמאַן זאָגט מיר: סערעקעלע, זאָגט ער, כ'האָב געזען אַבראַשאַן דאָ און דאָ. לויף איך דאָך נישט טויט נישט לעבעדיק אַהין אויפֿן אָרט. אַ קליין שטעטעלע. פֿרעג איך זיך בײַ לײַטן: איר האָט נישט געזען מײַן אַבראַשאַן? ער איז געגאַנגען צום ניעמאַן... זאָגט מען מיר: געווען אַסאַך אַבראַשעס. מיר ווייסן נישט וועלכער. נאָר זיי קענען מיר ווײַזן, זאָגן זיי, וואו, זאָג איך, ס'איז דאָך אַ מעהאַלעך וויַיט... עט, זאָגן זיי, דאָ נישט ווײַט. און זיי פֿירן מיך אין אַ שטוב... אַ גרויסע שטוב, אַ שטוב פֿון אַ ראָוו. בײַ די ווענט הײליקע ספֿאָרים. אַז זיי פֿירן מיך אַרײַן ציטערן מיר די פֿיס. אַ פֿולע שטוב מיט ווײַבער און קליינוואַרג. אינמיטן שטוב — אַ לאַנגער הילצערנער טיש און אויפֿן טיש — אײַנגעוויקלטע פּעקעלעך. עפּשער פֿופֿציק־זעכציק פּעקעלעך... מען שטייט אינדערזײַט און מען פּאַקט פֿונאַנדער: קאָמיזעלקעס, מאַרינאַר־קעס, רעקלעך, זשופּעצעס, כאַלאַטלעך, פּאַסעקעס, מעסערלעך, בלײַ־שטיפֿטן, טיליטלעך, און וואָס אַלץ נישט? זאָג איך זיי: אַלטוואַרג פֿאַר־קויפֿט איר דאָ... זאָגט מען מיר כ'זאָל זוכן דאָ מײַן אַבראַשאַן... גע־הערט? כ'זאָל זוכן מײַן אַבראַשאַן צווישן אַלטוואַרג, מײַן אַבראַשאַן, וואָס איז געגאַנגען צום ניעמאַן? פֿאַל איך דאָך אַוועק אויף דער פּאָדלאָגע און אַז מען ראַטעוועט מיך אויף — גיט מען מיר אַ זעקעלע, אַבראַשאַס זעקעלע, מיטן ביסל פּאָדעם, מיטן שטיקל ברויט, מיטן העמד... דאָס זעלבע וואָס כ'האָב אים מיטגעגעבן... בעט איך זיך בײַ זיי: מײַן אַבראַ־שאַן ווײַזט מיר... מײַן אַבראַשאַן... פֿירן זיי מיך אַרויס. זיי פֿירן מיך

אפֿן פֿעלד. אָט־אָ דאָ ליגט ער — זאָגן זיי — אַבראַשאַ, צוזאַמען צען אַבראַשאַס... כ'בעט אײַך, איר זעט דאָס זעקעלע? אָט דאָס איז... מער נישט. מײַן גאַנצער אַבראַשאַ... איר ווייסט וואָס כ'וועל אײַך זאָגן? זײַט נישט אין כּעס אַף אַ ייִדענע... ס'איז שוין שפּעט... די זון זעצט זיך שוין... דאָס וואַסער רוישט אַף די בערלינקעס: בול-בול-בול — שאַ-אַט... ס'איז ווײַט דאָ צום ניעמאַן? עפּשער ווייסט איר, וואו קען מען זיך באַגראָבן, האַ?

.1941

מאַכעלע

ער האָט געהאַט זייער לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע הענט מיט לענגלעכע דינע פינגער פון אַ גרוילעך גרינגלעכער קאָליר. די פינגער זיינע זיינען געוועזן דורכזיכטיק ווי וואַסער און ער האָט זיי געהאַט ליב אַוועקצולייגן איבער די אויגן, קעדיי צו זען דאָס ראָזלעכע בלוט, וואָס האָט באַפאַרבט דאָס ווייסלעך־גרינגע פלייש אַרום. ער האָט דאָס ליב געהאַט צו טאָן פון קליינערהייט אָן. אַז ער פלעגט זיי שפּעטער אַוועקנעמען פון די אויגן, איז נאָך די וועלט אַרום געוועזן אַזוי ראָזלעך־שיין. קיין האַלדז איז בא אים נישט געוועזן, נאָר דער קאָפּ איז געזעסן ווי איינגעשרויפט אַף די נידעריקע, פלאַטשיקע אַקסלען ווי בא יעדן האָרבאַטן באַל-מום. דאָס פּענעמל, אַ דינס און אויסגעצויגנס, מיט אַ גרינגלעכן אָפּשיין איז געלעגן איינגאַנצן איבער דעם אַרויסשטאַרצנדיקן ביין פון ברוסט־קעסטל. אַף דער צווייטער זייט, דאָרט וואו די פלייצע האָט געדאַרפט זיין אַ גלאַטיקע, האָט זיך געהויבן אַ ביינערדיק שפּיציק בערגל. אַז ער פלעגט רעדן האָט זיך זיין קעפּל מיט די פאַרקעמטע פּעכיקע הערעלעך געשאָקלט אַהין און צוריק, זיך געשרויפט צווישן די ביידע ביינערדיקע בערגלעך און דערביי אַרויסגעלאָזט אַ טרוקענעם „כ־כ־כ", ווי אַ סאָווע באַנאַכט. דאָס וואָרט איז אַרויסגעקומען פון זיין קעל פאַרזשאַווערט, ווי ס'וואָלט זיך דאָרט פריער געזעגנט אַף אַן אַלט שטיקל אייזן.

פון די קינדער־יאָרן געדענקט מאַכעלע בלויז צוויי פּאַסירונגען. כוץ זיי געדענקט ער גאָרנישט. און אַז ער גייט אַמאָל צוריק צו די קינדער־יאָרן, אַזוי ווי דאָס טוט יעדער מענטש ווען מען ווערט מיד פון דער אַרו־

טיקער וועלט, טויכן זיי ווידער אויף און לייגן זיך אף זיין פענעמל מיט א שיין פון אווייליעס און הענגען לאנג איבער זיינע בלאס־געלבלעכע באקן. ער לייגט דעמלט ווידער ארויף זיינע ברייטע באלמומעשע דלאניעס אי־בער די אויגן און קוקט לאנג דורך דעם ראזלעכן אפשיין פון בלוט, ביז די זעונגען ווערן בלאסער און פארשווינדן.

ער געדענקט, אז דער טאטע האט אייביק געקרענקט און ס׳גאנצע לעבן געלעגן צו בעט. ער געדענקט אויך זיין לאנגע געפאלדעוועטע בארד. און קליינערהייט האט אים דעם טאטנס בארד, וואס איז געלעגן אן אויס־געשפרייטע איבער דער קאלדרע און פארנומען עפשער א האלב בעט, טאָ־מיד דערמאנט א גרוי וואש־ברעטל. בעיים דער טאטע איז אפגעשטארבן האט אים די מאמע צוגעפירט צום בעט און אראפגעבויגן זיין קעפל צום טאטנס בארד. זיין גאנץ פענימל איז דעמלט געלעגן איינגעגורעט אין דער טרוקענער וואל פון דער בארד. ער איז דארט געלעגן, מאכעלע, מיט פאר־שלאסענע אויגן און איינגעזאפט אין זיך א קילן טויט־גערוך, וואס איז געגאנגען פון טאטנס בארד. ער האט בלויז געהערט ווי די מאמע האט געשריען איבער זיין איינגעבויגענער פלייצע, דערנאך זיינען עמלעכע הייסע טראפן אראפגעפאלן אף זיינע אויערן־לעפלעך.

דער דאזיקער קילער טויט־גערוך פון טאטנס בארד איז מאכעלען שוין פארבליבן ביזן היינטיקן טאג. און טאמיד ווען ער לאזט זיך צוריק־גיין צו יענע יארן — שטייט אויף דער דאזיקער גערוך און הילט אים ארום ווי א מאלבוש. ער גייט דעמלט ארום אן איינגעפאלענער, א פארטראכ־טער און ס׳קומט אים אויס ווי דעם טאטנס בארד האלט אים צוגעבונדן מיט די געדרייטע וואל־פעדעם צו יענע טונקעלע, ווייטע קינדער־טעג.

נאכן טאטנס טויט האט די מאמע מאכעלען אפגעפירט אין כיידער. ער געדענקט בלויז, אז אף א בלוילעכער וואנט איז דארט געהאנגען א גרויסער צעפלאשעטער פויגל. דאס איז געווען א ווילדער, בייזער אדלער, וואס האט אף מאכעלען אנגעווארפן אן איימע פון איינזאמע מידבאריעס און הימל־הויכע בערג. ער איז לאנג אין כיידער נישט געגאנגען, ווייל א פאר טעג שפעטער איז צו זיי אין שטיבל ארויפגעקומען דער מעלאמעד און לאנג געשמועסט מיט דער מאמען. נאכדעם ווי דער מעלאמעד איז ארויס — האט די מאמע שטארק זיך צעוויינט. זי האט אים צוגערופן צו

זיך און אַף זיין האָרבאַטער פּלייצעלע אַרויפגעוואָרפן אירע וואַרעמע, ווייסע הענט. מער איז שוין מאַכעלע אין כיידער נישט געגאַנגען.

באַלד נאָכדעם האָט די מאַמע אָפּגעגעבן מאַכעלען אין דער לער צו אַ טאָרג־שטייער, וואָס האָט פאַרקויפט אַלערליי פּרוכט אַפן מאַרק. דער טאָרג־שטייער האָט געהאַט אַפן הויף אַ שמאָל קעמערל און אין די אָוונטן פלעגן דורך אַ לאָך באַם דעכל אַריין און אַרויספליען שוואַרצע פלעדערמייז. דאָס קעמערל איז געווען אָנגעשטעלט מיט ווייסע, לענגלעכע ליידיקע קעסטלעך פון פאַרקויפטע ציטרינען און פּאָמעראַנצן. אין די קעסטלעך זיינען נאָך געלעגן שטויסן מיט פּליזלעך, אין וואָס די פּאָמעראַנצן און ציטרינען זיינען געווען איינגעוויקלט. ער האָט מוירע געהאַט אין אָוונט, אַז די פלעדערמייז זאָלן זיך נישט פאַרטשעפּען אין זיינע האָר. אַז ער איז געבליבן אַליין אין קעמערל האָט ער ליב געהאַט אַריינצוליגן דאָרט זיינע הענט און פאַרגראָבן דאָס פּאָנים. דער רייעך פון די פּאָמעראַנצן און ציטרינען האָט ווי אַ שמעקעדיק לאָנקע־ווינטל אַרומגענומען זיינע קילע באַקן. ער פלעגט לאַנג איינזאַפּן אין זיך דעם גערוך, וואָס האָט געקישעפט און געוואַשן זיינע דלאָניעס. אין טונקעלן קעמערל, אָנגעשטעלט מיט די ליידיקע קעסטלעך איז אַרומגעגאַנגען אַ ווינט פון אַ צעבליטער, שמעקעדיקער וועלט.

***

אַז מאַכעלע איז אָנגעקומען מיט דער אַלטער מאַמען אין געטאָ אַריין, איז ער נאָך אַלץ געווען קליין־געוויקסיק ווי אַ ייִנגעלע, כאָטש די באַקן זיינען אים שוין געווען באַדעקט מיט אַ מאָכיק, מאַנצביליש בערדעלע. ער איז שוין געווען נאָענט צו די דרייסיקער, מיט די זעלבע ברייטע באַל־מומישע דלאָניעס און דער קאָפּ איז אים נאָך מער אַריינגעקראָכן צווישן ביידע אָפּשטייענדיקע בערגעלעך. מענטשן האָבן זיך געשראָקן צו קוקן אים גלייך אין פּאָנים אַריין. זיין נאָז, אַ דאַרלעך־שפּיציקע, האָט זיך אַריבערגעבויגן ווי אַ פּאָפּוגיי־שנאָבל איבער זיין ברייט, שטענדיק אָפן מויל, וואו ס'זיינען געזעסן קליינע, געלע ציינדעלעך. די פּעכיקע הערעלעך האָבן געלויכטן אַף זיין קאָפּ מיט אַ דיבוקישן, שוואַרצן רייץ. די אויגן זיינען געווען גרויסע און גרינלעכע און געזעסן באַוועגלאָז ווי קליינע וואַסערלעך באַצויגן מיט גרינעם שימל. פון צייט צו צייט איז

נאָר אַף זייער גרינלעכער, פאַרגליווערטער איבערפלאַך אַרומגעשוואומען אַן אָנגעצונדן שוואַרץ פלעמל. דאָס איז געקומען פון זיינע ווייכע, צעגאָ־סענע אויגן־אַפּלען.

די מאַמע איז שוין געווען אַלט. זיי האָבן זיך ביידע אַריינגעכאַפּט אין ערשטן בעסטן כיידערל אַף א הויף מיט אָנגעלאָפענע יידן פון דער שטאָט. אַז די שכיינים פון קאָרידאָרל האָבן זיך געכאַפּט, אַז אין זעלבן הייזל וואוינט א יידענע מיט א זון א פאַרזעעניש, האָבן זיי געהאַלטן אין איין קלאָגן איינער פאַרן צווייטן:

— ס'עט זעען, יידן, אַז צוליבן מעלעיער וועט ס'גאַנצע הויז גיין אַפן פייער!... ס'עט זעען, יידן...

מאַכעלע מיט דער מאַמען האָבן זיך טאַקע גאַנצע וואָכן צוליב דעם נישט געוויזן אַפן הויפל. מאַכעלע האָט זיך נישט אַוועקגערוקט גאַנצע טעג פון פענצטערל און געקוקט אַפן הויף אַראָפּ, וואו ווייבער און מיידלעך האָבן געוואַשן קאַרטאָפל־שאָלן באַם ברונעם. ער איז געזעסן מיט די דלאָניעס אונטערגעשטעלט אונטער זיין פּאָנים און געוויזן די געלע שי־טערע ציינדעלעך. טיילמאָל האָט א מויד, א דערשראָקענע אויפגעהויבן איר קאָפּ צום פענצטערל און גיך אַנטלאָפן, שרייענדיק ווי א באַנומענע:

— געוואַלד!... געטס נאָר א קיק ווי ס'אימגליק קיקט מיר נאָעך!... א בראָך איז צונעם!...

זי האָט אפילו נישט גוט אַרומגעוואַשן די קאַרטאָפל־שאָלן און ווי א ווינט אַרויסגעלאָפן פון הויפל.

***

שווערע טעג זיינען אָנגעקומען פאַר מאַכעלען מיט דער מאַמען זיי־נער. ס'ברויט איז געוואָרן מיט יעדן טאָג קנאַפּער, איינגעגאַנגען און זיך אויסגעלאָשן ווי א שיינער שטערן, וואָס לעשט זיך אַפן מאָרגן־הימל. דאָס, וואָס מ'האָט באַקומען האָט קוים געסטייעט אַף עטלעכע בים. דערצו האָט די מאַמע זיך אַוועקגעלייגט און נישט געקאָנט מער אַרומגיין אַף די פיס. יעדער ווייס, אַז ווען מען ליגט צו בעט דאַרף מען נישט אַזוי פיל צו עסן. אירע רעפּטעלעך ברויט זיינען טאַקע געלעגן באַזונדער און געוואַרט זי זאָל געזונט ווערן. קעגן אָוונט פלעגט זיך מאַכעלע אַראָפּכאַפּן צום

פלומפ, ארויפברענגען אן עמער וואסער, קעדיי אין שטוב צו וואשן די קארטאפל־שאלן.

אנומלט איז מאכעלע ארופ צום ברונעם קעדיי אונטן צו וואשן א שיסעלע מיט שאלן. ס'איז שוין געווען אוונטיקלעך. אפן הויפל האט זיך ראזלעך צעפיצלט א ווייטער וואלקן, וואס האט זיך אין דעמער־שא ער־געצוואו געצונדן און נאר דא אראפגעפאלן מיט צעפיצלטע, קישעפדיקע פלעקן. באם פלומפ איז געשטאנען א הויך, דאר מיידל און קוים געהויבן דאס דיקע ברונעם־אייזן ארויף און אראפ. מאכעלע איז צוגעקומען נענטער און אוועקגעשטעלט דאס שיסעלע אף דער ערד. ער איז געשטאנען ווי א גרויסער, שווארצער קנויל מיט זיין אראפגעלאזטן קאפ אין דער ראזלעכער אוונט־פינצטערניש און געווארט. דאס מיידל בא דער פלומפ האט קוים געהויבן דאס אייזן. מאכעלען האט עפעס פלוצים א צי־געטאן פאר זיינע ברייטע דלאניעס. ער האט אנגעכאפט דאס אייזן און געהאלפן דעם מיידל פלומפען, בעיים זיינע ברייטע הענט זיינען געלעגן אף אירע קליינע פויסטלעך און זיי אינגאנצן פארדעקט. זי האט נישט אפירגע־כאפט אירע הענטלעך און צוזאמען מיט מאכעלען געהויבן דאס אייזן ארויף און אראפ. ער איז געשטאנען לעבן איר פאנעם על פאנעם און דער־זען, אז א בלאסלעכער, ראזלעכער שמייכל גליטשט זיך אראפ פון איר מויל. דער דאזיקער שמייכל האט זיך געזעצט אף מאכעלעם הארץ ווי א גרויסער, פלאטערנדיקער זינגפויגל, וואס פארגייט זיך מיט א שיין געזאנג.

אז מאכעלע איז שפעטער ארויפגעקומען צו זיך אין כיידערל איז ער לאנג געזעסן אין ווינקל און דאס פאנעם געהאלטן פארשטעקט אין זיינע ביידע דלאניעס. די ווארעמקייט פון מיידלס הענט האט אזוי גיך פון זיינע דלאניעס נישט אויסגעוועפט. ער האט זיך שפעטער צוגעזעצט צו דער מאמען אף דער פריטשע, וואס האט גראד אפירגענומען דאס ברויט־זע־קעלע פון הינטערן קאפ און געציילט די דינע, גרויע רעפטלעך. איז דער קרענק האט די מאמע אפגעשפארט א שיינע פארציע ברויט. אבער מא־כעלע האט איצט לאכלוטן נישט געזען די וואונדערלעך־שיינע ברויט־רעפטלעך. די מאמע האט גענומען א שמאל רעפטעלע און עס דערלאנגט מיט א געלער האנט מאכעלען. ער האט אוועקגעדרייט דעם קאפ און בע־שום אויפן נישט געוואלט נעמען.

— מע דאַרף נישט, מאַמע... מע דאַרף נישט... וועסט געזונט ווערן מערטשישעם, וועסט זיך דאַרפֿן שטעלן אַף די פֿיס...

די מאַמע האָט צוריק אַריינגעלייגט דאָס ברויט אין פֿינצטערן זעקעלע און עס אָוועקגעלייגט הינטער זיך צוקאָפּנס. זי איז די לעצטע טעג אינגאַנצן איינגעגאַנגען, די מאַמע, די באַקן זיינען איר אַראָפּגעהאָנגען מיט ליידיקע בייטעלעך און די פֿיס זיינען איר געוואָרן אָנגעלאָפֿן מיט אַ גרוי וואַסער-געשווילעכץ. דאָס ברויט-זעקעלע הינטערן קאָפּ האָט אַ שאַרך געטאָן, אַ בייזלעכן, טרוקענעם שאָרך. ס'איז געלעגן איינגעבעט, דאָס טאָרבעלע מיטן ברויט, ווי אין ערד-זעקעלע צוקאָפּנס פֿון אַ טויטן.

דער מאַמעס קרענק האָט מאַכעלען ווידער צוריקגעפֿירט צו די קינדער-יאָרן און צום טאַטנס טויט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער טאַטע ליגט ווידער אַפֿן בעטל און זיין ברייטע באָרד ליגט אַ געפּאַלדעוועטע איבער דער קאָלדרע. נישט איין מאָל האָט די מאַמע אַף אים אַרויפֿגעלייגט די וואַסערדיקע הענט און אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס ליגן אַזוי אַף אים דעם טאַטנס הענט בעיים ער איז אָפּגעשטאָרבן — — —

אינדרויסן האָבן זיך דערווייל געשטעלט זייער קילע טעג. די וואָלקנס איבערן געטאָ האָבן זיך צונויפֿגעקנוילט אַף איין אָרט און אָנגעהויבן שפּינען לויזע קרעפּ-טיכער. אַ קאַלטער, הונגעריקער ווינט האָט זיך געריסן דורך די נידעריקע הייזלעך מיט זיינע בלויע, אויפֿגעלאָפֿענע פֿינגער. יעדן פֿאַרטאָגס האָבן יידן אַף די דעכלעך געפֿונען ליגן וורובלעס, וואָס זיינען געפֿאַלן פֿון הונגער.

מען ווייסט נישט פֿאַרוואָס מאַכעלע האָט פּלוצים אָנגעהויבן אָפּשפּאָרן פֿון זיין טעגלעך ברויט און עס צוגעלייגט צו דער מאַמעס ברויט-זעקעלע. ער איז גאַנצע טעג געזעסן באַם פֿענצטער און גקוקט צום ברונעם אַראָפּ. דאָס זעקעלע מיט ברויט איז מיט יעדן טאָג געוואָרן פֿולער. די מאַמע אַליין האָט שוין קוים אַרויסגערעדט אַ וואָרט. זי איז געלעגן מיט איר קאָפּ איינגענורעט אינעם ברויט-זעקעלע און דאָרט געדרימלט אַ טויטלעכן, קאַלטן דרימל.

דאָס איז געשען אַזוי פּלוצים, מאַכעלע האָט זיך אַפֿילע נישט געכאַפּט, אַז די מאַמע איז אויסגעגאַנגען, וואָרעם אַלע שטאַרבן דאָ מיט אַ שטילן, איינשלאָפֿנדיקן טויט. דאָס זעקעלע צוקאָפּנס איז נאָר געוואָרן פּלאַטשיקער אונטער איר קליינעם, אויסגעלאָשענעם קאָפּ.

אַז מ׳האָט מאַכעלעס מאַמע אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, איז נאָכן וועגעלע קיינער פון הויפל נישט נאָכגעגאַנגען, בלויז מאַכעלע. ערשט באַם טויער איז צום וועגעלע צוגעלאָפן אַ הויך, דאַר מיידל און געלאָפן צוזאַמען מיט מאַכעלען הינטערן וועגעלע דורך אַ פּאָר געסלעך. מאַכעלע האָט דערקענט, אַז דאָס איז זעלבע מיידל, וואָס ער האָט איר אַנומלט געהאָלפן פּלומפּן וואַסער באַם ברונעם. זי איז איצט געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ שוואַרצער פאַטשיילע. פון איר מויל האָט זיך געגליטשט דער זעלבער שמייכל וואָס אַמאָל, נאָר איצט איז ער געווען אַ קאַלטלעכער און טרויעריקער.

מאַכעלע איז געגאַנגען לעבן איר, מיט איין האַנט אָנגעלענט אינעם קאַנט פון שוואַרצן וועגעלע. דאָס מיידל האָט יעדער רגע אָפּגעדעקט איר פּאָנעם און אַרומגענומען מאַכעלען מיט אַ וואַרעמען, פייכטן בליק, און אַזוי גייענדיק האָט זי אויך אַרויפגעלייגט איר האַנט אַפן וועגעלע, ווי מען טוט דאָס, ווען מען באַגלייט אַן אָרון. זייערע הענט אַפן שוואַרצן ברעטל זיינען געווען זייער נאָענט צו זיך. ער האָט אַפילע שוין דערפילט אַ דינע וואַרעמקייט פון אירע קליינע פינגער. דאָס וועגעלע איז אונטערגעשפּרונגען און מאַכעלעס דלאָניע איז מיט איינמאָל אַרויפגעפאַלן אויף איר פויסט. ער איז איצט נאָכגעלאָפן, מיט קליינע, דראָבנע טריטלעך און דעם מיידלס פויסט איז די גאַנצע צייט געלעגן אונטער זיינע פינגער. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז הינטערן טירל פון וועגעלע ליגט די מאַמע אַ טויטע, אַן אויסגעלאָשענע אין איר געשווילעכץ.

אַז מאַכעלע איז צוריקגעקומען פון דיינעם פעלד איז שוין געווען נאַכטלעך. ער איז אַריבער די שוועל פון כיידערל אַן איינגעקאָרטשעטער, מיט אַ שווערן, אַראָפּהענגענדיקן קאָפּ. ערשט איצט, אַז ער איז שטיין געבליבן נעבן דער מאַמעס ליידיקער פּריטשע האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אַפן פעלד נישט קאַדיש געזאָגט נאָך דער מאַמען. די יונגע, די קאַבראָנים, האָבן זיך געיאָגט ווי די טייוולאָנים און גיך־גיך אַראָפּגעוואָרפן די מאַמע אין אַ שמאָלן, פינצטערן ערד־שפּאַלט, זיי האָבן אויף דער שנעל צוגעשיט און אים נישט געלאָזט אַפילע עפענען ס׳מויל, ווייל דער דייטש, וואָס האָט געהאַלטן וואַך נישט ווייט פון דאַנען הינטער דעם אָפּגעצוימטן דראָט, און זיך צוגעקוקט ווי אַזוי יידן באַגראָבן זייערע מייסים — האָט געהאַלטן אין איין שרייען: שנעל־שנעל!... שנעל!...

שנעל!... ערשט איצט האָט מאַכעלע אַרומגענומען אין שטוב אַ ווייטיקלעכע בענקעניש צו דער מאַמען און צו עפּעס אַ טפילע, וואָס זאָל דער מאַמען גרינג מאַכן די נאַסע ערד אין יענעם פינצטערן, שמאָלן שפּאַלט אפן פעלד. ער איז געשטאַנען אין טונקעלן ביידער לעבן דער מאַמעס פּריטשע, וואו ס'איז נאָך געלעגן אַ צונויפגעקנוילטער אַלטער פּאַלטן. אין דאָזיקן פּאַלטן איז די מאַמע געלעגן אַרומגעהילט די לעצטע טעג, איידער זי איז אויסגעגאַנגען. און מיט אַמאָל האָט מאַכעלע זיך אַריבערגעבויגן איבער דער מאַמעס פּריטשע, פאַרשטעלט ס'פּנים מיט די הענט און העשנדיק זיך צעשאָקלט איבערן שוואַרצן פּאַלטן-קנויל מיט אַ צעריסן שטאַמלעניש:

— „יתּ־יתּ-גדל... ויתּ-יתּ-קדש...״

ער האָט זיך לאַנג, לאַנג געוויגט און אַזוי קאַדיש געזאָגט איבער דער מאַמעס ליידיקער, קאַלטער פּריטשע.

*
* *

אַביסל שפּעטער איז מאַכעלע שוין אַרומגעגאַנגען איבערן שמאָלן דילעכל מיט אַן אומגעדולדיקן צאַפּל אף זיין פּנים און שווער געסאַפּעט. ער האָט אַרויסגענומען פון אונטערן בעט דאָס זעקעלע ברויט, געהאַלטן עס אין האַנט אַ ציטערנדיקער און שפּעטער עס ווידער אוועקגעלייגט. אַ פריידיק ליכט האָט זיך פּלוצים געצונדן אין זיינע אויגן: דאָס מיידל האָט געזאָגט, אַז זי וועט אַרויפקומען אָפּוואַשן די פּאָדלאָגע... נאָך אַ מעס דאַרף מען וואַשן די פּאָדלאָגע... זי וועט אַרויפקומען אַביסל אויפּרוימען...

ס'איז שוין געווען גוט פינצטערלעך, די קוילעס פון די שכיינים זיינען הינטער די ווענטלעך פאַרשטילט געוואָרן — אַז ס'האָט זיך געעפנט באַ מאַכעלען די טיר. דאָס הויכע, פרעמדע מיידל איז אַריין. זי האָט געטראָגן צוויי פולע עמערס וואַסער. דאָס טונקעלע ליכט פון שטובלעמפּל האָט זיך געקרישלט אינעם וואַסער מיט רויטלעכע, פּאַליענדיקע סטענגעס. זי האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און אַוועקגעשטעלט די עמערס באַ דער שוועל. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ קליין צעדיסן מענטעלע און צוגעגאַנגען צו דער פּריטשע, וואו דער מאַמעס געלעגער איז נאָך געשטאַנען צערודערט מיט אַלטע מאַלבושים נאָכן אוועקגענומענעם באַרמינען. די מאַמע איז נישט געוואָרן אָפּגעהויבן און די

גאַנצע צייט געלעגן אַפּן בעטל. זי האָט אויסגעגליכן דאָס געלעגער און פאַרצויגן די אָנגעוואָרפענע מאַלבושים מיט אירע שיינע, מיידלשע הענט.

א דערשראָקענער און צעפּלאָנטער איז מאַכעלע געשטאַנען אריינ־געדרוקט אין ווינקל. דאָס ערשטע מאָל ווי ער איז מיט אַ מיידל אַליין אין שטוב. ער האָט נישט געוואוסט וואָס אַזוינס צו טאָן מיט זיינע אַראָפּ־געלאָזטע, ברייטע הענט. מיט אַ פּאָר שאָ צוריק איז די מאַמע געקומען צו קוואורע — און מען דערקענט שוין אפילע נישט די שטוב. ער האָט מיט אַ פּאַכעד נאָכגעקוקט ווי דאָס פרעמדע מיידל האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט אַף דער פּאָדלאָגע און אָנגעהויבן שייערן די טונקעלע דיל־ברעטער. ער האָט געקוקט אַף אירע פלינקע הענט. זיי זיינען געווען קליין, רונדיק, אַזוי ווי דעמלט אַפּן ברוגעם און היינט אַפּן טירל פון אַגאָלע־וועגעלע. ער האָט געזען, אַז דאָס מיידל האָט שיטערע האָר, וואָס לייגן זיך הינטער אירע געלבלעכע אויערן. זי האָט יעדע רעגע אויפגעהויבן צו אים איר קאָפּ, מיט אַ בלאַסלעך פּאָנעם אין דער זעלבער שיטערער, ווארעמער שמייכל האָט זיך צו אים געצויגן פון איר דין מויל. מאַכעלע האָט זיך געוואָלט אַ ריר טאָן פון ווינקל ארויס, נאָר די פיס זיינען אים נישט גע־גאַנגען. ער האָט געוואָלט זי אַ פרעג טאָן ווי מען רופט זי און פאַרוואָס טוט זי דאָס אַלץ. די צונג אין מויל איז אָבער מאַכעלען געווען ווי אָפּ־געשניטן. ער האָט נאָר שווער געאָטעמט און יעדעס מאָל ארויסגעלאָזט אַ פאַרסאַפּעטן כ־כ־כ...

נאָכדעם ווי דער דיל איז געווען אָפּגעוואַשן האָט זי זיך מידלעך אַוועקגעזעצט אַפּן בעטל. מיט אַ שטיל קאָל האָט זי געזאָגט, אַז מאַכע־לעס מאַמע איז מיסטאָמע געווען אַ צאַדייקעס... זי האָט זויכע געווען צו ליגן מיט יידן אַפּן בייסוילעם... צו קומען צו קייווער־ייסראָעל... אָבער איר טאַטע־מאַמע? פאַראַיאָרן האָבן זיי די דייטשן ארויסגעשיקט... ווער ווייסט וואוהין... צי וועט זי זיי נאָכאַמאָל זען? און ס׳גרייט זיך שוין ווידער...

זי האָט דאָס רעדנדיק ארויסגעשאַרט אירע האָר פון הינטער די אויערן און אים לאַנג אָנגעקוקט מיט פייכטלעכע מיידלשע אויגן.

מאַכעלע האָט דערוויל ארויסגעצויגן פון ווינקל דאָס זעקעלע מיטן אָפּגעשפּאָרטן ברויט. ער האָט עס פּאַמעלעך אויפגעוויקלט און פון דאָרט ארויסגענומען עטלעכע פאַרטריקנטע רעפטלעך. ער האָט זיי געהאַלטן אַף

דער ברייטער דלאָניע און זיי האָבן אראָפּגעלויכטן פון דאָרט ווי גאָלדענע שיינע מאַטבייעס.

ער האָט זיך געוואָלט טיילן מיט איר. זי איז דאָך אוואדע הונגעריק... זאָל זי נעמען אַ פּאָר רעפטלעך... ס'איז דאָך זייער אָפּגעשפּאָרט ברויט און ס'איז אַ שאָד, אַז ס'זאָל פאַרשימלט ווערן...

זי האָט מעטבילעס אוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אָבער מאַכעלע האָט דאָך אַריינגעלייגט אין איר האַנט צוויי רעפטלעך. זי האָט זיי לאַנג געהאַלטן און דערנאָך אַ פאַרשעמטע און מידע זיך צונעלייגט אַפן שטרוי-קישעלע. מאַכעלע איז געשטאַנען אַזוי נאָענט, אַז ער האָט אַפילו אומגעריכט מיט זיינע קני אָנגערירט אירע אראָפּהענגענדיקע פיס. אין זיין שמאָל הערצל האָט געטאַמלט אַן אומגעדולדיק וואַרעם געפיל. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן בעטל און מיט אַ הייזעריקלעך-ציטערדיקער שטים אַרויסגעשטאַמלט ווי אַ קינד:

— כ-כ-בעט אייך ג-גייט נישט אוועק... ב־ב־לייבט דאָ... כ־כ-בעט אייך...

מער האָט מאַכעלע פון קעל נישט אַרויסגעבראַכט.

ער האָט זיך אַזוי נאָענט אַריבערגעבויגן איבער איר מיט זיין קאָפּ, אַז זיינע אויגן זיינען געווען אַפילו נאָענט צו איר מיידלשן האַלדז. ס'ערשטע מאָל אין לעבן ווי ער איז אַזוי נאָענט מיט אַ מענטשן. ער האָט אַריינגעקוקט אין איר פּאָנעם און אָן אויפהער געשטאַמלט נישט־פאַרשטענדלעכע רייד.

דאָס מיידל האָט פּלוצים אַ צוק געטאָן מיטן אַקסל.

— און אַז... אַז דער דייטש... וועט אַרויסשיקן?

— וועלן מיר גיין צונעזאַמען... צונעזאַמען... צונעזאַמען...

זי האָט אויפגעהויבן איר האַנט, וואו ס'זיינען געלעגן די שטיקלעך ברויט און מיטן אָרעם אַרומגענומען זיין אָנגעבויגענעם קאָפּ. מאַכעלע האָט דערפילט אויף זיין פּלייצע די פינגער אירע. זי האָט איצט געהאַלטן פאַרמאַכט אירע אויגן. די פינגער זיינען געגאַנגען איבער אים מיט אַ גלעטנדיקער נאָענטקייט. און מאַכעלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס ליגט נאָך די מאַמע אַפן בעטל און נעמט אים אַזוי אַרום. ער איז געשטאַנען אַזוי נאָענט מיט זיין פּאָנעם צו איר, אַז ער האָט אַפילו געהערט דעם שאָרך פון אירע האָר אַפן שטרוי־קישעלע. ער האָט אַראָפּגע־

לאָזט זיין פּענעמל אַף אירע האָר און אין דער רעגנ האָט מאַכעלען אַ ריס געטאָן אין נאָז אַ ווייטער, אויסגעלאָשענער געדוך: ער האַלט שוין זיין קאָפּ ווי אַנומלט קליינערהייט אינעם קנויל פון די ציטרין-פּליזלעך. מיט זיינע הענט נעמט ער אַרום די ליידיקע אויבסט-קעסטעלעך אין פינצטערן קעמערל. זיין פּאָנעם, די אויגן און דאָס מויל עטעמען מיטן פּאַליעדיקן רייעך, זיינע ליפּן פלאַטערן. דאָס אָפּענע, ברייטע מויל עסט אירע ווייכע האָר מיט די טרויעריקע, געלע ציינדעלעך.

נאָך מינכע

די ווענט אין לאַנגן קאָרידאָר זיינען געפאַרבט אַף העל-בלוי, און נאָר גאָר אויבן בא די קרומונגען ארום די געוועלבן לויפן ברוינלעכע שנורן, וואָס זעען איצט אויס רויטלעך ווי באַשפּריצטע מיט פונקען אָדער בלוט. גראד גייט איצט אונטער די זון און דורך די אויסגעהאַקטע שויבן אין לאַנגן שפּיטאָל-קאָרידאָר פליִצט אריין אַ ראָזלעכע לופט, וואָס זעצט זיך מיט פאַרביקע פלעקן אין קאָרידאָר.

אין גאַנצן ביניען שטייט איצט אַ קאַלטע, איינזאַמע אָוונט-שטיל-קייט. אין שפּיטאָל ווערט זייער פרי געמאַכט נאַכט, די טירלעך — אָפּ-געשלאָסן און נאָר פון די דראָטן גייט אַן אומהיימלעך גערויש פון די פּאָר דרויסנדיקע ביימער. פון די קעלערן, וואָס לויפן אונטערן אַמאָליקן פאַ-בריק-ביניען, טראָגט זיך דאָס זילבער־קלימפּעריי פון געשיר, וואָס ווערט געוואַשן נאָך די כאַלאָים. ווייט איבער די דראָטן פייפט ערגעצוואו אַ לאָ-קאָמאָטיוו און זיין גרילץ צעפּיצלט זיך מיט קליינע אָפּגעהאַקטע געוויינען איבערן גרויסן, ליידיקן הויף. אינעם גרויסן שלאָף-זאַל, אַף די אויפגע-שטעלט פּריטשעס, זיצן איצט די כאַלאָים אין זייערע העמדער, מיט די לאַנגע פיס אַראָפּגעלאָזטע אָפּן פינצטערן דיל. די הענט ליגן צווישן די קני, די קעפּ אַראָפּגעבויגן און די אויגן אָנגעהאַנגען אַף דער קעגנאיבער-דיקער פּריטשע. זייערע קעפּ זיינען אַלע געגאָלטע, נאַקעטע און גלאַנצן אין דעם לעצטן ביסל פאַרנאַכט־זון ווי גרויסע אַרבוזן. די פּענימער געלע, אָנגעלאָפענע, מיט פלאַמענדיקע הייסע שלייפן, אונטערן העמד יאָגט דאָס האַרץ אַ צעפּלאָשעט ווילד געיעג, ווי געטריבן פון אַ בייטשל. אין ווינקל

לעבן פענצטער זיצן די, וואָס מ'האָט היינט אַריינגעפירט: דריי אַלטע, איינגעפאַלענע כאַלאָים. אַלע זיינען זיי געשוואָלענע פון הונגער-טיפוס. די דריי כאַלאָים זיצן אַרומגענומען איינער מיטן צווייטן, די הענט אַרויפ-געלייגט איינער אַפן צווייטנס אַקסלען, בעיים די קעפּ זייערע קוקן אַרויס אינדרויסן, דורכן גרויסן פאַבריק-פענצטער. די זון קוקט נאָך אַריין מיט אַ שפּיציק שטרייפל, וואָס טאַנצט אַף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. די דריי רעדן צווישן זיך אַ שטיל, איינגעהאַלטן פליסטעריי. איינער פון זיי טראָגט נישט קיין העמד, נאָר אַ לאַנגן וואַטענעם שפּענצער, פונוואַנען מען זעט אים אַרויס די פיס איבער די קני. די קני זיינען ווייסע ווי אַ געהובלט ברעט. צום דאַזיקן כווילע רעדן די ביידע אַנדערע און קוקן זיך יעדע רעגע אַרום איבערן זאַל. די איבעריקע כאַלאָים אַף די פּריטשעס האָבן דערווייל אַוועקגעלייגט און איבערגעדעקט זייערע קעפּ מיט די קאָלדרעס. זיי זעען אויס ווי מייסים, אויסגעצאַנגענע אין זייער הויך בויך-געשווילעכץ. אַנדערע האָבן זיך אַוועקגעלייגט אַף די קאָלדרעס — דאַרע, פאַרטריקנטע און מ'זעט זיי קוים אַרויס. דאָס זיינען די, פון וועל-כע דאָס וואַסער-געשווילעכץ איז שוין אַפּגעגאַנגען.

דער ייד אין וואַטענעם שפּענצער קוקט זיך אַרום און רעדט אַריין צו איינעם פון די דריי:

— מ'עט דאַווענען מינכע, יידן, האַ? די זון זעצט זיך שוין!...

די איבעריקע צוויי שטעלן זיך אויף, בלייבן שטיין אין זייערע לאַנ-גע העמדער ביז איבער די פיס-פינגער.

זיי גייען צו צו אַ פּריטשע און נעמען לייכט ציען בא אַ קאָלדרע.

— רעב ייד, שטייט אויף!... מ'דאַרפט אַ מיניען צו מינכע!...

פון אונטער דער אַראָפּגעצויגענער קאָלדרע קוקן אַרויס צוויי גליענ-דיקע, גרויסע, ליידיקע אויגן, וואָס זעען גאָרנישט.

— מינכע דאַווענען, רעב ייד!... — מונטערט אים ווידער דער כווי-לע מיטן וואַטענעם שפּענצער און ציט אים באַם אַקסל — די זון זעצט זיך שוין! רעב, ייד!...

דער קאָפּ אונטער דער קאָלדרע רירט זיך נישט פון אָרט.

— מיר דוכט זיך, אַז דער ייד... כי, כי, כי... מ'דאַרף באַמעלדן... — הערט זיך פון אַ זייט אַ געדעמפּט קאָל.

פון די ארומיקע פריטשעס הייבן זיך אויף פון אונטער די קאָלדרעס עטלעכע גרויע, נאַקעטע קעפּ.

— וועמען וועקט עץ?... געלויבט האשעם ייסבאָרעך!... ער איז שוין גישט קיין הינגער!...

— וואַ, וואַ!... רוקט זיך אַפּ דער ייד אין שפּענצער.

די דריי כאַלאָים ציען זיך איינציקווייז צוריק, זיי פאַרדעקן מיט דער קאָלדרע דעם נאַקעטן קאָפּ מיט די אָפענע טויטע אויגן פון ייד, בעיים דער כווילע מיטן וואַטענעם שפּענצער מורמלט שטיל:

— באָרוך דאַיען עמעס...

פון די איבעריקע פריטשעס האָבן זיך דערווייל אָנגעהויבן אראָפּשאַרן צו מינכע די קראַנקע יידן אין די לאַנגע, פלאַטערנדיקע העמדער. זיי זיינען אַלע געווען אין הויכער טיפּוס־היץ, מיט פאַרברענטע, אויסגעטריקנטע ליפּן. דער ייד אין וואַטענעם שפּענצער האַלט אין איין אראָפּציען די קאָלדרע פון די פריטשעס. עס פעלט אוים גראַד איינער צום מיניען.

— יעך גיי נישט, ס'הערט? — רייסט זיך אַ קאָל פון אונטער אַ קאָלדרע — סאַווי קומט מאָרגן ס'קעטשל...

— מיטן מעס איז אַ מיניען, יידן, מ'קען דאַווענען...

אין גרויסן קראַנקען־זאַל האָט זיך דאָס הייפעלע קראַנקע יידן צונויפגעקליבן ארום דער פריטשע פון געשטאָרבענעם. דער ייד מיטן שפּענצער האָט זיך אָוועקגעשטעלט צוקאָפּנס, בא דער וואַנט, און הינטער אים — די כאַלאָים מיט די לאַנגע העמדער אַף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. דורך די גרויסע פאַבריק־פּענצטער קוקט אריין אַ פּיצל אויסגעלאָשענער הימל. מ'האָט געזען, אַז די זון האָט זיך נאָר וואָס געזעצט הינטער צערימענע וואָלקנס. דער אָפּגעדעקטער מעס האָט, דוכט זיך, אַ פּינטל געטאָן מיט זיינע אָפענע, ליידיקע אויגן, וואו ס'האָט זיך געזעצט אַ צעשפּאָלטענער זון־שטראַל פון דרויסן.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ווי אַלע, אויך די דריי נייע כאַלאָים, וואָס מ'האָט היינט ערשט געבראַכט אין שפּיטאָל, זיינען ארויפגעקראָכן צוריק אַף זייערע פּריטשעס. טייל זיינען געלעגן אָפּגעדעקטע, געל־נאַקעטע, בעיים זייער הויט האָט געברענט אין פיבער, טייל ווידער איבערגעדעקטע איבערן קאָפּ. דער געשטאָרבענער ייד האָט ארויסגעקוקט מיט

זיין אָפּגעדעקטן קאָפּ צום פענצטער און די גאַנצע צייט האָט אַ בלויִלעכער־דעמערונג־פלעק נישט געוואָלט אַוועקגיין פון זיין גרויען טויטן שטערן.

אָפּן זאַל איז שוין געוואָרן טונקל. מיטבילעם ראָזלעך־בלוי, ווי די בלויקייט וואָלט אַראָפּגעשוואומען פון די ווענט און מיט איין מאָל איז געוואָרן פינצטערלעך און זייער שטיל. די טיפוס־קראַנקע זיינען געשלאָפן. אַ צערייצטער, אַן אומרויקער, געשפּענסטיקער שלאָף איז ווי אַ שעד אַרומגעגאַנגען אַף די שפּיץ פינגער און געוועבט היציקע כאַלוימעס. צענדליקער פלינקע קעטשלעך, וואָס פירן אַרויס די שווער־קראַנקע ערגעצוואו פון געטאָ, זיינען זיי געקומען צום כאָלעם און מיט די אייזערנע רעדער אַריינגעפאָרן אָפּן דיל און דערנאָך אַריבערגעפאָרן זייערע שלאָפנדיקע אָפּגעדעקטע פּיס. זיי האָבן געשריען פון שלאָף און געוויינט. מאַנכע האָבן זיך געאַמפּערט, געריסן זיך, געקנוילט מיט שטאַרקע, בייזע פּעדעם, וואָס זיי האָבן נישט געקענט איבעררוועלטיקן. זיי האָבן זיך בעשום אויפן נישט געלאָזט שלעפּן אין קעטשל אַריין. דער טויטער ייד מיטן אָפּגעדעקטן קאָפּ האָט רויק און שאַלווערדיק געשמייכלט קעגן דער דרויסנדיקער נאַכט.

אַז עס איז געוואָרן גוט פינצטער איז דער ייד מיטן וואַטענעם שפּענצער געוואָרן קיל פון דער נאַכט־קעלט, וואָס איז געקומען פון אָפענעם פענצטער. ס'איז שוין געווען טיפער האַרבסט, בעיים די נאַכט־הימלען זיינען אָנגעגאָסן מיט קעלט און מענטשלעכער מוירע פאַרן שטאַרבן. ער האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיטן אָרעם, זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל: אַלע זיינען געלעגן און געשלאָפן אונטער די קאָלדרעס. ער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט די פּיס אַף דער פּאָדלאָגע און זיך צוגעשאַרט מיט די נאַקעטע פּיאַטעס צו דער פּריטשע פון געשטאָרבענעם. ער האָט נאָכאַמאָל זיך אַרומגעקוקט אין דער פינצטערניש און פּאַמעלעך אָנגעהויבן אַראָפּציען פון טויטן יידן די קאָלדרע. ס'איז געגאַנגען שווער, וואָרעם די קאָלדרע האָט געהאַט אַרומגענומען דעם יידסביידע טויטע קניען. ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין פון דער פּריטשע, ווי ער האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעבויגן און אָנגעהויבן זוכן צוקאָפּנס פון טויטן. אַ לייכטער קלימפּער האָט אַ וויג געטאָן די לופט. אין אַ בלעכערנעם שעכטעלע האָט אַ בלאַנק געטאָן אַ ווייסקייט: דאָס איז געווען אַביסל אָפּגעשפּאָרטער צוקער, וואָס דער געשטאָרבענער האָט געהאַלטן אונטערן שטרוי־קישעלע. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אַף דער פּריטשע און מיט די פינגער,

ווי א קרא מיט איר שנאבל, אנגעהויבן ארויסציען פון בלעכערנעם שעכטעלע דעם צוקער. א דינער סקריפ האט זיך פלוצים א וויג געטאן פארן פענצטער. ער האט זיך אויפגעהויבן אף די עלנבויגנס, אנגעשפיצט די אויערן און געקוקט דורכן פענצטער ווי דורך א פארנעפלט וואסער. ער האט געהערט ווי דורכן טויער איז אפן שפיטאל־הויף פאמעלעך ארייג־געפארן דאס קעטשל. ער האט נישט באוויזן אראפצושלינגען דעם צוקער פון דער צונג און זיך צעשריען צו די שלאפנדיקע:

— יידן, ס'קעטשל איז דא!... יידן!...

אין פינצטערן זאלעכל זיינען באלד פון מיטן כאלעם אראפגעשפרונ־גען די כאלאים, צוגעלאפן נאקעטע צו די פענצטער. בלויז דער געשטאר־בענער ייד איז געלעגן רויק, א צוגעדעקטער מיט דער קאלדרע ביז צו די שלייפן. די טיר האט זיך אויפגעפראלט. ס'איז געווארן ליכטיקער פון די ווייסע שירצן, וואס די יונגען-פורמאנעס האבן געטראגן. שוויינגנדיקער־הייט האבן זיי אנגעהויבן ארויספירן די יידן צום קעטשל. די יידן זיינען געגאנגען ציטערדיקע איבער דעם קאלטן, שטיינערנעם קארידאר און גיך, גיך ארייגגעפאלן אין פינצטערן קעטשל. אונטער יעדנס ארעם איז גע־לעגן א בלעכערן פושקעלע מיט אביסל צוקער און א שטיקל ברויט. זיי האבן אלע, ווי נאר זיי זיינען אריין אין קעטשל, זיך א כאפ געטאן צום צוקער און אים געלעקט מיט פארטריקנטע, פארברענטע ליפן. אויך דער ייד אין וואטענעם שפענצער איז געשטאנען אין א ווינקל און געזויגן פון זיין האנט די צעגאנגענע זיסע פייכטלעכקייט.

ס'איז געווען אינגאנצן פינצטער אין קעטשל, ווי אין א קעלער. דורך די שפארעס האט זיך געריסן אביסל קראנק ליכט, ווייל גראד איז די לע־וואנע אויפגעגאנגען. דער ייד מיטן וואטענעם שפענצער האט זיך פלו־צים צעשריען:

— יידן, מ'דארף דאווענען מיירעוו!...

ארומגענומען מיט די קאלדרעס האבן די יידן אנגעהויבן דאווענען. דאס קעטשל האט זיך א וויג געטאן, צוערשט רעכטס, דערנאך אף לינקס און ווי א צוגעמאכטע אגאלע זיך געגליטשט איבער דער ערד צום גרויסן, אפענעם טויער.

אַ ייד פון בייסוילעם

שוין מיטכילעם פרילינג האָט מען דערקענט, אַז דער אָנקומענדיקער זומער וועט זיין אַ שטאַרק-וואַרעמער און געבענטשטער. נאָך אַ שנייאיקן ווינטער האָבן זיך לעסאַף באַוויזן גאָר-גאָר הויך די דורכזיכטיקע פרילינג-געוועלבן; די הימלען זיינען ראַכוועסדיק און טיף געהאַנגען איבערן געטאָ. זיי האָבן דאָ, אין דער נידער, אַראָפּגעגאָסן אַ ווייס, מילד שוין פאַרגעסן ליכט. אממייסטן האָט זיך עס אָנגעזען אינעם בליעכץ, איגעם ביסל גרינס, וואָס האָט זיך געריסן פון אונטער די שטיינער. זיי האָבן פלוצים געגעבן אַ שפּראָץ אַרויס און אַ שפּאַר געטאָן מיט אַזאַ אויסטערלישן גרינלעכן פרייד אימפּעט און קאָלערליי זאַפטיקע, ערדישע קאָלירן. אַף די קליינע הויפלעך האָבן זיך איבערנאַכט מיט איינמאָל די פּאָר איבערגעבליבענע, נידעריקע, דאַרע קשאַקעס באַוואָרפן מיט גרינזיידענע און פלושענע העמדלעך. אפילע קליינע מעשונעדיקע זינג-פיינעלעך, נישט קיין ווראָבלעס, זיינען אָנגעלאָפן פון די דרויסנדיקע פעלדער, געזעסן פאַרבאַהאַלטן אין די אַרומיקע קשאַקעס לעבן די דראָטן, איבערזינגענדיק זיך מיט די געטאָ-ווראָבלעס אַף די צעבליטע בעז-צווייגלעך. זיי האָבן צוזאַמען געטרילערט אַן אויפגייענדיס, פלוצימדיק געזאַנג, וואָס האָט דערציילט פון אַן אויפשפּראָצנדיקער פרילינג-ליכטיקייט און נאָרזואָס געבוירענע ערגעצוואו יונגע וואַלד-ווינטעלעך.

וואָס נעענטער צו די מאַרישינער פעלדער אַרום געטאָ בייסוילעם, אַלץ מער האָט מען אָנגעזען דאָס פלוצימדיקע קומען פון זומער. דאָס גרויסע, גרויע טויטן-פעלד איז געוואָרן אַ בליענדיקער, גרינער גאָרטן,

וואו אונטער די בייטן זיינען געשלאָפֿן די טויטע. אַף ביידע זייטן פֿון די זאַמדיקע פֿעלדער זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ רייע די אַלט-דוירעסדיקע פּוילישע ביימער: די הויכע טאָפּאָלעס לעבן די בלעטער-שפּיציקע קלאָנעס, די איינגעבויגענע ווערבעס און די רויטלעכע קאַש-טאַנען. צופֿוסנס זיי האָבן זיך געטוליעט די נידעריקע, ברייטלעכע קשאַקעס מיט באַבלעטערטע ריטלעך, פֿון וואָס מ'האָט אַמאָל געגוצט גרינס אַף שוואוּעס אין יידישע שטובן. דאָס אַלץ האָט זיך איצט געוויגט אין אויפֿגייענדיק, פֿריש בליִעכץ. דאָס איז געווען דער איינציקער צע-בליטער, גרינער וועג אין געטאָ, וואָס האָט געפֿירט דאָס לעצטע מאָל די געשטאָרבענע אַפֿן רייניעם פֿעלד ארויס. דורך דעם דאַזיקן גרינעם וועג זיינען טאָג־איין טאָג-אויס, פֿון באַגינען ביזן אויפֿגאַנג פֿון די שטערן, גע־לאָפֿן די שוואַרצע וועגעלעך. קיין מלאָווים זיינען דאָ קיינמאָל נישט מיט־נעגאַנגען — זיינען די וועגעלעך גיך, גיך געלאָפֿן מיטן שמאָלן איינזאַ-מען שטעגל אונטער די צעשפּרייטע און צעבליטע ביימער. אַפֿן וואָגן-דעכל, וואו ס'זיינען געלעגן אונטער אַ גרויס שוואַרץ טוך די שפּיציקע פֿענעמער פֿון רונדיק-אַנגעלאָפֿענע גופֿים, איז אָן אויפֿהער געפֿאַלן אַ ווייס און שיטער ביימער בליִעכץ — אָפּגעריסענע, גרינלעכע, נאָר-וואָס נעבוירענע קנאָספּן און העל־גרינע יונגע בלעטער, וואָס דער ווינט האָט אין אַ רעגן פֿון ווייס בליִעכץ אַראָפּגעטראָגן פֿון די ביימער. איבדרויסן, אַפֿן רייניעם פֿעלד, האָבן די קאַבראַנים געמוזט גוט אויסשאָקלען דאָס שוואַרצע צודעק-טוך — אַזוי נעדיכט זיינען זיינע אַלע פֿאַלדן געווען באַ־שיט מיטן לופֿטיקן ביימער־בליִעכץ.

דער פֿרילינג אין יענעם יאָר איז טאַקע געווען אַ קורצער און באַלד האָט זיך געשטעלט דער זומער. די יידישע קאַבראַנים האָבן דערזען, אַז איבער נאַכט איז אַפֿן פֿעלד אַלץ גרין געוואָרן. ווען זיי זיינען ארויס פֿאַר-טאָג אַפֿן פֿעלד צוצוגרייטן די טעגלעכע גריבער, איז דער גאַנצער שעטעך שוין געלעגן אין גרינס, ווי ס'וואָלט שוין געווען העט נאָך שוואוּעס. און אויסטערליש איז דאָס געווען, וואָס אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך אַף די קשאַקעס לעבן די מאַצייוועס פּלוצים באַוויזן, מיטכילעס בלאַס-גרינלעכע, דערנאָך שוין לייכט-פֿארויטלטע די בייסוילעם-מאַלינעס. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ווי די מאַלינע-קשאַקעס זיינען אַלע געשטאַ־נען באַוואָרפֿן מיט אַ גרויס געבענטשט גערעטעניש. די מאַלינעס אַף די

בייסוילעמעס זיינען טאָמיד אַנדערע ווי אין די וועלדער אָדער אין אָפּענע פעלדער. זיי זיינען דאָ אַזוי גיך געוואַקסן, די מאַלינעס, אַז מ'האָט אַנגעזען ווי זיי זיינען עפּעס גאָר אַנדערש ווי יעדעס יאָר. זיי זיינען דאָס מאָל געווען שטאַרק פאַרויטלטע מיט עפּעס אַזאַ מעשונעדיקן רויטן קאָליר, גרויסע און פליישיק־קיילעכדיקע, וואָס באַם מינדסטן אָנריר זייערן האָבן זיי געלאָזן אַף די פינגער אַ שאַרפע טונקעלע רויטלעכקייט. זיי זיינען אויך זייער פרי רייף געוואָרן, געווען ווי קליינע קינדערישע פויסטלעך, און געהאַנגען איבער די זאַמדיקע טויטן־בערגלעך ווי אַ הימל, באַזייט מיט אומצאָליקע רויטע שטערן.

די יונגען פלעגן בעייסן קוווער זיין די מייסים אָן אויפהער שלאָגן מיט זייערע שאַרפע שפּאַדלעס איבער די מאַלינע־קשאַקעס, כאָטש דאָס איז זיי געווען פאַרווערט צו טאָן. זיי פלעגן פולע הויפנס מיט מאַלינעס שטופּן אין די אָפענע מיילער. אַ רויטע פליסיקייט איז זיי גערונען איבער די ליפּן; זיי פלעגן אויך ביגנייווע אָנגשטופּן זייערע קעשענעס מיט די מאַלינעס און אַרויסטראָגן אין געטאָ אַריין. אַף אַלע זייטן אַרום דעם בייסוילעם זיינען געשטאַנען אַרומגעשטעלט שאָמרים, וואָס האָבן געהיט די מאַלינע־קשאַקעס, וואָרעם די אַלע פעלדער מיט די אומצאָליקע מאַלינע־קשאַקעס זיינען געשטאַנען צום רעשוס פון איינאיינציקן ייד — דעם יידן־עלטסטן פון געטאָ ליצמאַנשטאַט.

* * *

פון די אַלטע קאַבראָנים איז נאָר פאַרבליבן דאָ דער איינציקער — דער פעטער כיל. דער פעטער כיל איז געווען דער מאַמעס אַ ייִנגערער ברודער. נאָך איידער ער האָט איבערגענומען דאָס קאַבראָנעס פונעם עלטער־פעטער פינכעסל — האָט ער צוזאַמען מיט שקאָצים געהאַלטן אין באַלוט טויבן אין אַ קעמערל און דערפון זיך מעפּאַרנעס געווען. ער פלעגט אויך פאָרן אַף די יאָרמעק און דאָרט איינהאַנדלען פויערישע טויבן. פאַרנדיק אַהין פלעגט ער טאָמיד מיטנעמען מיט זיך עטלעכע שוין היימישע אויסגעהאָדעוועטע טויבן און דאָרט זיי אָפּלאָזן אַפן מאַרק. די טויבן פלעגן טאָמיד אָנקומען קיין באַלוט, פון וואָס דער פעטער כיל איז געווען זייער שטאָלץ. שפּעטער, אַז ער האָט כאַסענע געהאַט און דאָס ווייב איז אים פלוצים אָפּגעשטאָרבן האָט ער אַוועקגעוואָרפן די טויבן, וואָס אָן עמעס,

מיט אַ שטיקל צעבראָכן האַרץ. דער עלטער־פעטער פינכעסל וואָס איז געווען דער באַל־מיסאַסעק אַפן גוטן אָרט, האָט, נאָכדעם ווי מען האָט קויווער געווען דעם פעטער כילס ווייב, אים אַרייַנגערופן צו זיך אין כיידער און געהייסן זיין טאָכטער כאַווע שטעלן לעקעך מיט בראָנפן. מאַשמאָעס, אַז שוין דעמאָלט האָט דער עלטער־פעטער פינכעסל אָפגעשמועסט צווישן ביידע אַ כאַסענע. צי ס׳איז בעעמעס אַזוי געווען איז מיר קיינמאָל נישט געלונגען צו דערגיין. נאָר ס׳בלייבט אַן עמעס, אַז נישט לאַנג נאָכן ווייבס טויט האָט דער פעטער כיל ווידער כאַסענע געהאַט און אויך באַלד איבערגענומען דאָס קאַבראָנעס.

דער עלטער-פעטער פינכעסל, וואָס האָט נאָך געדענקט די צייטן פון כאָלערע, האָט נאָך דער כאַסענע שוין לאַנג נישט געלעבט. ער איז שוין געווען העט איבער די אַכציקער. אין מיין מישפּאָכע זיינען די קאַבראָנים אַלע אָפּגעשטאָרבן זאַטע מיט יאָרן. ער האָט נאָך באַוויזן דעם פעטער כיל אַרייַנצופירן אין די סוידעסדיקע וועגן פון דער קאַבראָנישער פּאַרנאָסע, אים אויסגעלערנט מאַכן אַן אייל מאָלע ראַכמים, שטעלן אַ מאַצייווע־שטיין, דערקענען די ערד, וואו זי איז טרוקן און גוט און וואו זי וועט זיך אַראָפּלאָזן, ווייל אונטער איר רייסן זיך אַדורך די וואַסערלעך פון נאָענטן סטאַוו. ער האָט אים אויך געלערנט זיך אַרויספּלאָנטערן פון די הונדערטער גאַסן און געסלעך, וואָס האָבן פאַרוואַקסענע מיט וועלקנדיקע גרעזער באַדעקט דעם גרויסן יידישן בייסוילעם. אַז איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען דעם פעטער כיל, איז ער שוין געווען אַ פופציקער און איך האָב נאָר-וואָס אָנגעהויבן לייגן טפילן. ער האָט געוואוינט אין דער רויטער ציגעלנער געביידע צוזאַמען מיט אַנדערע קאַבראָנים, די וואַנט פון דער דאָזיקער געביידע האָט זיך אָנגעלענט אין טהאַרע-הייזל. נאָך איצט געדענק איך, אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל אַרויס אַפן בייסוילעם דעמאָלט, ווען באָבע אַהוּדז אַפן הויפ איז אַ שאָכן אָפּגעשטאָרבן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דעמאָלט געזען דעם יידישן טויט. מיין יונג הערצל איז געווען איבערפולט מיט געוויין און שרעק פאַרן אייגענעם טויט, וואָס דאַרף יעדע רעגע אָנקומען, בעיים מ׳האָט דעם שוואַרצן קאַסטן פאַרוקט אינעם גלאַנציקן פינצטערן וואָגן. דערצו איז דאָס געיאָמער פון דער מישפּאָכע און פון גאַנצן הויף יידן נאָכגעגאַנגען מיר ווי איך אַליין וואָלט שוין געלעגן אַ געשטאָרבענער אין קאַסטן. קיינער פון די שטוביקע האָט

נישט געזען ווי איך בין נאָכגעלאָפן דעם וואָגן ביז אַפן ריינעם פעלד. איך האָב געוואָלט מיט די אייגענע אויגן זען דעם ווייטערדיקן סאָף פון טויט.

און דעמלט האָט איך אים דאָס ערשטע מאָל געזען.

זיין פּאָנעם איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ העל־רויטלעכער באָרד, וואָס האָט אינגאַנצן אַרומגעקרייזט זיין ברייטלעך פּאָנעם. פונדערווייטנס האָט זיין באָרד אויסגעזען ווי אַ גרויסער, געדרייטער וויינטרויב־שטענגל און טיילמאָל אויך ווי אַ שאַרפער שפּיציקער רידל. די דאָזיקע באָרד האָט אים אינגאַנצן פאַרדעקט די נאָז, אַפילו די שלייפן און מ׳האָט נאָר אַרויסגעזען זיינע קליינע בלוילעך־וואַסערדיקע אויגן ווי סאַזשעלקעס. ער איז געווען הויך און פעסט און געהאַט אין זיינע אַקסלען עפּעס פון אַ מאַציייווע־שטיין. מיט דער לאָפּעטע, פאַרוואָרפן אַף זיינע ברייטע שטיינערנע אַקסלען, האָט דער דאָזיקער ייד אויסגעזען, טרעטנדיק צווישן די קוואָרים, ווי אַ פּויער, וואָס גייט אַפן פעלד טאָן זיין הייליקע ערד־אַרבעט. ער איז מיר אַקעגנגעגאַנגען אַפן וועג, אַפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ רונדיק אויסגעשניטן היטעלע און זייגע שטיוול האָבן אייביק, סיי זומער סיי ווינטער, געטראָגן אַף די כאָלעוועס די פאַרטריקנטע געלבלעכע גרודעס קייווער־ערד. איך האָב נישט געקאָנט אַראָפּנעמען מיינע יונגע אויגן פון דער דאָזיקער צוגעקלעפּטער ערד אַף זיינע שטיוול, וואָס האָבן מיר אויסגעזען צו קומען שוין פון יענער וועלט. בעיסן רעדן פלעגט ער טאָמיד אַרויפלייגן זיין האַנט אַפן פּאָנים און פונאַנדערשפּרייטן אין ביידע עקן די ווילד־פאַרוואַקסענע באָרד, ווייזנדיק זיין ברייט, לאַכנדיק מויל. ער האָט טאָמיד געלאַכט מיט אַ קלינגענדיקן העלן געלעכטער און מיר האָט זיך געדוכט, אַז פון זיין מויל בולבעט דעמלט אַרויס ווי פון אַ פלאַש עפּעס אַ פאַרקישעפטער, מיסימדיקער, לויטער געלעכטערל פון יענער וועלט. ער פלעגט שטיין זייער נאָענט איבער מיר, אָננעמען מיך פאַר די הענט און פליסטערן:

— נו, ווילסט זיך עפּשער לערנען די מעלאָכע פון מאַלכעמאָוועס?

אין פּעטער כילס שטוב איז טאָמיד געשטאַנען אַ וואַרעם געטומל פון פרעמדע יידן און ווייבער ווי אין אַ שענק. זיי זיינען אָן אויפהער געגאַנגען אַריין און אַרויס — פון פעלד און צום פעלד צו. יידן זיינען געשטאָרבן ווייט אין גרויסן קראַך און דאָ איז מיט די אָוועקגייענדיקע

געטאָן געוואָרן זייער לעצטע יידישע רעכט. דאָס זיינען געווען אַלץ מענ־טשן, וואָס האָבן די כעיונע געצויגן פון גרויסן יידישן בייסוילעם: מאַ־צייווע־קריצער און מיסאַסקים, קוויטלעך־שרייבער און טילים־זאָגער, גרע־בער און טהאָרע־לייט, קלאָג־ווייבער און סטאַם אָרעמעלייט, וואָס האָבן אַזוי ליב טאָמיד זיך צו האַלטן נאָענט בא די בייסאָלמענס. דער פעטער בילס צווייט ווייב, די מומע כאַווע, אַ הויכע, טרוקענע יידענע מיט דריי בינטלעך שליסלען פאַרוקט אין איר רויטלעכער שירץ, האָט געהאַלטן אין איין באַקן לעקעכער און דערנאָך געשניטן פון זיי אויף אַ זילבערנער טאַץ דיקע שטיקער צום פאַרבייסן נאָכן ברענענדיקן שפּירט, וואָס די יידן האָבן דאָ געטרונקען פון העל־בייכיקע פלעשער. און געטרונקען האָבן נישט בלויז די דאָיקע טוישווים, געטרונקען האָבן אויך די מלאָווים, גייענ־דיק פון ריינעם פעלד, פון אַ לעוואָיע, אָדער קייווער־אָוועס און ווער ס׳איז נאָר אַריבער די שוועל. אין שטוב איז טאָמיד געווען טומלדיק, וואָרעם און ראַשיק מיט לעבן. מ׳האָט זיך געהאַלטן אין איין וויִנטשן לעכאַים, בעיס פאַרן פענצטער האָט זיך געריסן אָן אויפהער פון טהאָרע־שטיבל אַ יידיש געוויין. זומער־צייט האָבן זיך די קינדער פון די קאַבראָנים, וואָס זייער צאָל איז געווען, אָן איינהאָרע, גרויס, געשפּילט צווישן די מאַציי־וועס און געשפּרונגען ביגנייווע, דאַווקע איבער די צוגעגרייטע אָפענע קוואָרים. באַנאַכט, בעיס אַ געלבלעכע, פולע לעוואָנע האָט געקלעטערט איבער די לויזע וואָלקנס און דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט מיט איר קישעפ־דיק נאַכט־זילבער, אַריבערוואַרפנדיק איבער די אַלטע אויהעלס און דוי־רעסדיקע מאַצייוועס זילבערנע טאַליסים — דעמלט פלעגט געאָרעמט אַרומגיין דאָ דאָס אונטערוואַקסנדיקע יונגוואַרג אין אַ היים ליבע־פּלים־טעריי. מ׳האָט געפּראַוועט דאָ כאַסענעס און בריסן; די יאָנטויווים און שלוישים זיינען דאָ, אין קליינעם שולעכל, אַדורכגעגאַנגען גאָר אַנ־דערש ווי דאָרט, אויף יענער זייט. דאָ, איבער די גרויסע טויטן־פעלדער איז קיין טויט נישט געווען. ס׳איז נאָר געווען דאָס שטילע אַוועקגיין פון אַ ראַשיקער, טומלדיקער וועלט אין אַ צווייטער, וואָס איז פול מיט רו און גרינער שטילקייט.

דאָס איז געווען אַלץ אין די ערשטע יוגנט־יאָרן — און מיר איז דעמלט אויסגעקומען דאָס אַלץ פרעמד און אויסטערליש, ווי אַזוי האָבן די דאָזיקע מענטשן, אַרומגעריגלט מיטן שטענדיקן יידישן טויט, גע־

פירט דאָ זייער טאָג-טעגלעך, פרידלעך לעבן? עס איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן פיל, פיל יאָרן שפּעטער, טאַקע אין יענעם אויסטערלישן זומער פון פערטן געטאָ-יאָר, בעיים די גרויסע, רויטלעכע מאַלינעס זיינען אויפֿגעגאַנגען איבער די אומצאָליקע טויטן-בערגלעך.

**
*

אין יענעם זומער איז שוין דער פעטער כיל געווען דער איינציקער פּאַרמילכאָמעדיקער קאַברען צווישן די צענדליקער יונגען-קאַבראָנים אפן געטאָ-בייסוילעם. ער איז שוין געווען לאַנג אַן אַלמען און די איינציקע שוועסטער צירל האָט שוין זינט יאָרן געוואוינט מעבוץ דעם בייסוילעם מיט דער טאָכטער מינדל. ער האָט זיך איצט אַרומגעדרייט, דער פעטער כיל, מיטן שפּאַדל אַף דעם אַקסל צווישן די צעבליטע רויטע מאַלינע-קשאַקעס און געגראָבן די ערד. זיין צעוואַקסענע, געקרויזלטע באָרד האָט ער געלאָזט שפּילן דעם ווינט, וואָס איז געגאַנגען אַ וואַרעמער פון די נאָענטע טויטן-פעלדער. און דער ווינט האָט אַף זיין צעפּלאָשעטער באָרד זיך געצווינגן ווי אַ סמיטשעק איבער אַן אַלטן קישעף-פידל, וואָס דערציילט פון פאַרגאַנגענע, געשטאָרבענע וועלטן.

דורך די געטאָ-יאָרן זיינען די פעלדער ווייט אַראָפּ צום בזשעזשינער וועג פאַרזייט געוואָרן מיט אַ גאַנצער קעהילע יידן. מ'האָט געמוזט צונעמען נאָך זייטיקע קאַרטאָפל-פעלדער פון די פאָלקס-דייטשן, וואָס זיי זיינען געוואָרן אַנטקעגנגעקומען. ער האָט געקענט, דער פעטער כיל, אַלע מישפּאָכעס, וואָס זיינען אייכציקווייז איינע נאָך דער צווייטער, אָנגעקומען צו אים. ער האָט אַפילע געוואוסט ווער פון די מישפּאָכעס זיינען נאָך געבליבן אַף יענער זייט: וואו ס'איז פאַרבליבן אַ טאָכטער, וואו אַן אייניקל און וואו ס'איז קיינער שוין נישט געווען צו דערוואַרטן. ער האָט גראַד ווי מיט יאָרן צוריק, כאָטש שוין אַן אָפּגעצוימטער פון אייגענער מישפּאָכע און בניי-באַיס, געטאָן זיין אַרבעט מיט הייליקע קאַוואָנעס. די צענדליקער יאָרן פון צוזאַמענזיין מיטן טויטן יידישן גוף האָט אין אים אינגאַנצן פאַרווישט די מינדסטע טויט-אַנגסט, גראַד ווי ער אַליין וואָלט געווען אָנגעגרייט צום אייביקן לעבן. אָבער אין דעם דאָזיקן פערטן געטאָ-יאָר איז פּלוצים אַליץ געוואָרן אַנדערש.

דער אומצאָליקער יידישער טויט איז דאָס מאָל געקומען מיט זיין

אויסטערלישן און פרעמדן געשטאלט: דער בארמינען איז מער נישט געווען ענלעך צו יענע, וואס ער פלעגט צוריקגעבן דער ערד דורך די צענדליקער יארן פון זיין לעבן. דער יידישער גוף איז געקומען צו אים רונדיקגעשוואלן, ווי א ברייטער בוים-קלאץ און פארנומען דעם גאנצן אויסגעגראבענעם גראב-שעטעך. דערצו איז נאך געגאנגען פון אונטער די שיטערע, צעריסענע טויטן־העמדער אן עסנדיקער שארפער אווער. דער דייטש האט צוליב די מעשונעדיקע געטא־כאלאסן פארווערט צו וואשן די טויטע. האט מען דעם יידישן גוף ארייגעווארפן, נישט טוענדיק צו אים זיין מענטשלעך און יידיש רעכט.

אין דער דאזיקער צייט האבן אינעם פעטער כיל ביסלעכווייז זיך אנגעהויבן זאמלען מאכשאוועס פון מערידע. ער האט פארנומען דעם גרויסן כעט קעגן דעם יידישן גוף. מען ווייסט נישט ווי אזוי ער איז אנומלט פארקראכן צווישן די גרין־פארשימלטע מאצייווע-שטיינער און לעבן די אויהעלס פון די הייליקע, גוטע יידן אפגעלעגן אף זייער איינגעפאלענער ערד עטלעכע טעג. ער איז געלעגן דעמלט מיט זיין בויך איינגעגראבן אין דער ערד, וואס איז געווען דורכגעזאפט מיט דער נעצקייט פון אלטע, פארפוילטע און ווארעמע בלעטער. א פארזונקענער אין דער פינצטערניש פון אויהעל, וואו ס'האבן גענעסטיקט גרויע בייסוילעם־פייגעלעך און ס'האבן געצויגן זייערע דינע, זילבערנע פעדעם אלטע, יענעוועלטיקע שפינען — פלעגט ער פון צייט צו צייט אויפהייבן זיין פאנים צו די אלט אפגעריבענע יידישע אויסיעס, וואס האבן ארויפגעגלאנצט מיט זייער אייביק איינגעקריצט גרין גאלד אין דער טונקלקייט. דאס גאלד פון די יידישע אויסיעס אין די איינגעקריצטע טפילעם איז שוין לאנג געווען אויסגעלאשן און פארזונקען אינעם שטיין דורך די רעגנס, שנייען און ווינטן. מיט די הענט האט ער ארומגענומען די רעשטלעך גרודעם ערד, וואס זיינען פארבליבן נאך די קייווער־בערגלעך און עפעס א טפילע, א כארכלעניש פון פראסטע, אויפגייענדיקע יידישע ווערטער האט אין דער אויהעל-פינצטערניש צוריק לעבן געמאכט דאס גוטע, לויטערע ליכט פון די פארשטארבענע גוטע יידן. אף אזא אופן האט דער פעטער כיל מיספאלעל געווען. ער האט געבעטן צו די פאלדן פון דער איינפאלנדיקער ערד אונטער זיך און מיט זיינע ליפן געזוכט פון דארט ארויסצושיילן עפעס א דערלייכטערונג, א נעם קעגן דער גרויסער יידישער מאגייפע.

ער האָט אַפּילע געוויינט, אַ שטאַמלענדיק געוויין פון טרערן און טפילע צו די הייליקע שאָטנס, זיי זאָלן זיך מיען פאַרן באַשעפער. ער האָט געבעטן פאַר טהאָרע און פאַר אַביסל ווייסגעצייג פאַר די געשטאָרבענע יידן אַף יענער זייט געטאָ.

אין דער זעלבער צייט איז געשען, אַז די איינציקע שוועסטער פון פעטער כּיל איז אָפּגעשטאָרבן אין געטאָ און איבערגעלאָזט אַליין אַף יענער זייט אַ דערוואַקסן מיידל, מינדלען. בעיים ער איז געשטאַנען אינעם גרוב לעבן דער שוועסטער, וואָס איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ גרין צעריסן שאַבעס־טישטעכל באַ די זייטן — האָט ער אַריינגעשריען אין איר געשוואָלן פּאָנעם: „זיי רויק, צירל, כ'וועל זי אָפּהיטן, דיין מינדלען...” ער האָט אַפּילע לייכט אַרויפגעלייגט זיין פינגער איבער איר האַלב אָפן אויג. פון אויג האָט אַרויסגעקוקט אַ פאַרגליווערטער און צעגאָסענער שוואַרצאַפּל, ווי אַ צעטרעטענע פלוים. דאָס אויג האָט צו אים אַרויפגעשמייכלט מיט טרייסט און פאַרבאָרגענער ליכטיקייט.

***

ער איז אויפגעשטאַנען גאָר באַגינען, בעיים אַף די ביימער־בלעטער איז נאָך געלעגן דאָס ווייכע טוי־געוויין פון מיטנאַכט. בלוילעך־שיטערע און צעריסענע נעפּעלעך האָבן זיך געצויגן, געטראָגן גאָר, גאָר נידעריק פון די פעלדער הינטערן צוים, אויפגעהויבן זיך אין דער הייך און דערנאָך ביסלעכווייז אַראָפּגענידערט אַף דער ערד ווי בלאַסלעכע, שיטערע כּופּע־וועלאַנען. די נידעריקע מאַלינע־קשאַקעס האָבן איצט געשמעקט מיטן וואַרעמען נאַכט־רעגן און מיט זיסלעכע, פרישע ווינטן. לויזע, מילדע זומער־הימלען וועלן באַלד, ווי נאָר ס'וועלן זיך אויסלעשן די לעצטע שטערן, אויסשיילן פון זיך אַ יונגע זון, וואָס וועט אַ לאַנגן, לאַנגן טאָג וואַרעמען די טויטן־בערגלעך.

מיטן טאַלעס־זאַק אונטערן אָרעם און מיט אַ קריגעלע אין דער האַנט איז ער איצט אַרומגעגאַנגען אַפן ריינעם פעלד צווישן די נידעריקע מאַלינע־קשאַקעס. ער האָט זיך איינגעבויגן, געקניט צווישן די קוואָרים און איינס נאָך איינס געריסן די מאַלינעס. ער האָט געוואָלט גאָר גיך, נאָך איידער די זון גייט אויף אַריבערגיין אַף יענער זייט מיט די מאַלי־

נעם צו דער פאַרשטאַרבענער שוועסטערן-טאָכטערס מיידל — צו מינד-לען.

דאָס קלויבן זיך אהין אין געטאָ אריין, האָט ער געוואוסט, איז נישט בלויז צוליב דער יעסוימע, וואָס איז געבליבן דאָרט אַליין. אים האָט זיך מיטאמאָל דאָס האַרץ אַ ריס געטאָן צו זיין נאָענטער מיט דער לעצטער איידעס יידן. די פּאָר געטאָ-יאָר האָבן אים אוועקגעטראָגן פון אַלגעמיינעם גורל און דערפאַר האָט עס אים איצט געצויגן צו זיין נאָענט צו אַלע די, וואָס זיינען אויף יענער זייט. ער האָט אויך געוואוסט, אַז ער גייט אהינצו מיט נאָך אַנדערע קאַוואָנעס, קאַוואָנעס טונקעלע און דאָך לוי-טערע, וואָס שוין איצט, אַז ער טראַכט וועגן דעם, ווערט זיין אַלט האַרץ אָנגעגאָסן מיט קליינע ליכט-פעדעמלעך, וואָס קומען פון יענעם הייליקן ליכט אין די פינצטערע אויהעלס פון די גוטע יידן.

אַז ער האָט שוין געהאַט דאָס קריגעלע מיטן זעקל פּולע מיט מאַלי-נעס, האָט ער זיך געלאָזט צום טויער, וואָס האָט געפירט אין געטאָ אריין.

אויפן גאַנצן וועג פון טויער אַרויס ביז צום הויכן בערגל, וואָס האָט געפירט אין געטאָ אַראָפּ, איז איצט געלעגן אַ דינער שיכט פון אַראָפּ-געפאַלן בליעכץ — אַ טייל פון ביימער-וועג און אַ טייל פון ריינעם פעלד, וואָס דער ווינט האָט דאָ אהערגעטראָגן. דער פעטער כיל איז געגאַנגען מיט זיינע געפאַלדעוועטע אַלטע שטיוול אין דעם אָנגעוואָרפענעם בליעכץ, ווי איבער נאַר-וואָס אַראָפּגעפאַלענעם שניי. דאָס בליעכץ האָט געקלעפּט אין די שטיוול און נישט געוואָלט אַראָפּ פון די געלבלעכע גרודעס ערד.

הינטערן צוים, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גרויסע יידישע טויטן-פעלד, זיינען געלעגן די שטאָכיקע שטילע, שווייגנדיקע און וויסטע. און כאָטש ס'איז געווען סיון-צייט, די צייט פון פולער ערד-דערוואַכונג, איז דאָ, אויף דער צווייטער זייט פון רייגעם פעלד, געלעגן אַ טריבקייט, ווי די ערד וואָלט נישט געווען די זעלבע וואָס דאָרטן, וואו עס שלאָפן די טויטע. די פעלדער זיינען דאָ געווען זאַמדיקע און רויע, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אין זיך אַ קלאָלע פון זינדיקע וועלטן. בייזע פייגל האָבן געהי-פּעט איבער די שטייענדיקע וויסטע קשאקעס, געגישטערט אינעם זאַמ-דיקן באָדן און געצוויטשערט אַ פרעמד נישט-פויגליש אויסגעלאָשן גע-זאַנג.

דער גאַנצער שעטעך איז געלעגן אויף אַ בערגל און פון דאַנען צו דאָ-

דעם-זייט האָט מען געקענט זען ליגן די אָפענע שטאָט, אויסגעשפּרייט צופוסנס מי טאירע גרוי-שפּיציקע ביניאָנים און בלאַנקענדיקע קירכע-טור־רעמלעך. צו צאָפן־זייט איז געלעגן דאָס געטאָ-פערטל, איינגעטונקען אין אַ צעדריוולט טוך פון די שווימענדיקע נידעריקע און טרויעריקע וואָלקנס.

דורך די פּאָר יאָר, זינט דער פעטער כיל האָט נישט פאַרלאָזט דאָס גוטע אָרט, האָט ער זיך איינגאַנצן געהאַט אָפּגעוואוינט צו קומען אין באַ־רירונג מיט לעבעדיקע. ער האָט ביסלעכווייז פאַרלוירן דעם זיקאָרן, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ לעבעדיקער גוף. טאָג-איין טאָג-אויס האָט מען גע־מוזט קווּוער זיין און ס'איז אויך נישט געווען קיין שאַבעס פאַר די קאַ־בראָנים. אין אַ געשפּענסטיק געאייל האָט מען זיי צוריק אָפּגעגעבן דער ערד — די אַלע געפאַלענע און אויסגעגאַנגענע, נישט טוענדיק צו זיי דאָס לעצטע מענטשלעכע רעכט. איצט, גייענדיק מיטן טאַלעס-זעקל אָנ־געפּולט מיט די רויטע מאַלינעס, האָט ער געוואוסט, אַז ער גייט אַהינצו מיט אַ גרוים שעליכעס, אַ שעליכעס וואָס איז צו אים געקומען דאָרט אין די טונקעלע אויהעלס פון די גרויסע הייליקע שאָטנס. ער האָט יעדעס מאָל געקוקט צום ריינעם פעלד צו און נישט געקענט פון דאָרט אָפּווענדן זיינע אויגן. אַ טונקעלע, וואַרעמע בענקעניש האָט זיך געצויגן פון זיין פאַרוואַקסן האַרץ צו די טויטן־בערגלעך, וואָס זיינען געלעגן אַרומגע־רינגלט מיט בליעכן. ער האָט געאַנט, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן און ער וועט דאָ ווידער צוריקקומען. ער איז געגאַנגען פאָרויס און די גאַנצע צייט איבערן ליידיקן וועג קיינעם נישט אָנגעטראָפן. וואָס מער ער האָט זיך דערווייטערט פון ריינעם פעלד, אַלץ מער האָט אים געצויגן אין געטאָ אַריין. ער האָט בלויז געדריקט צו זיך דעם טאַלעס-זאַק מיט די מאַלינעס. איצט איז דער וועג נעגאַנגען מעשופּעדיק און אַריינגעפאַלן אין אַ שמאָל געסל. אףביידע זייטן האָבן זיך געלייגט פּרוכנעוואַטע, קראַנקע הייזע־לעך. לעבן אַ שוועל זיינען געזעסן עטלעכע קינדער. אַז זיי האָבן דערזען דעם זאַקן מיט דער צעפּאַטלטער באָרד, זיינען זיי צו אים צוגעשפּרונגען, אַרומגעכאַפּט אים בא די צעפּלאַטערטע פּאָלעס און אויסגעשטרעקט זייע־רע דאַרע, דורכזיכטיקע הענטלעך. די קינדערס אויגן, גרויסע און אָפענע, האָבן פון זיך געגאָסן אַ שאָטנהאַפטיקן גרינעם שימער, וואָס קומט פון הונגער-געשווילעכץ. די אויגן זייערע זיינען געווען אויפגעפּראַלטע, ליכ־טיקע און געגלאַנצט ווי די אויגן פון דערוואַקסענע, איידער זיי שטאַרבן

אָפּ. ער האָט זיין פּאָנעם נישט געקענט אַרויספּלאָנטערן פון זייערע אויגנס גרינע ליכטיקייט, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט ווי אַ היץ. די קינדער זיינע שוין איצט אים געלעגן צופוסנס, געריסן ווי קליינע שיידימלעך די קאַפּאָטע, געדראַפּעט זיך אַלץ מער אַרויפצו צום טאַלעס-זעקל, וואָס ער האָט געטראָגן לעבן האַרץ און געהאַלטן אין איין שרייען מיט שפּיציקע קוילעס:

— זיידעשי, שענקט עפּעס!... ר׳ ייד, גיט עפּעס!... צדאָקע טאַציל מימאָוועס!... שענקט עפּעס יידישע קינדער!...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אין געסל איז געווען ליידיק. פון הינטער די הייזלעך און איינגעפאַלענע פּלויטלעך איז געגאַנגען אַ טויטער שימלדיקער ווינט. ער האָט קוים פאַמעלעך זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון די קינדערס הענט, זיי אָנגענומען פאַר די שפּיץ-פינגער און אַריינגעפירט אין אַ טונקל, ליידיק קאָרידאָרל.

דאָ, אין דער טונקלקייט פון קאָרידאָרל האָט דער פעטער כיל געשטופּט פולע גאָרשטשן רויטע מאַלינעס אין די קינדערס אויסגעשטרעקטע הענט. זיי האָבן זיך פּלוצים דערשראָקן און איינציקווייז אָפּגעטרעטן פון אים. זיי האָבן געהאַלטן די מאַלינעס אין די אויפגעפּראַלטע פויסטלעך און נישט געוואוסט וואָס מיט זיי צו טאָן. זיי האָבן די נעזלעך צוגעטראָגן צו די אויסגעשטרעקטע הענטלעך, געצויגן פון זיי די לופט און מיט כשאַד געקוקט אָפּן זאָקן. דאָס ערשטע מאָל זעען זייערע אויגן די דאָזיקע קליינע קישעפדיקע פּרעמדע פּרוכט. זיי האָבן זיך גאָרנישט געריכט צו באַקומען פון אַלטן, און דאָ גאָר ליגן אַף זייערע הענט אַזעלכע קליינע, אויסטערלישע רויטע קעפּעלעך, ווייכע און גליטשיקע. זיי האָבן זיך מיט שרעק אָנגעהויבן צוריקציען; זיי האָבן מוירע געהאַט זיי צו לייגן אין מויל אַריין. דעמלט האָט דער פעטער כיל גענומען עטלעכע מאַלינעס אַף זיין האַנט אַרויף, שטיל אין זיך עפּעס אַ פּליסטער געטאָן און, אַרויפלייגנדיק זיינע הענט אַף די קינדערס קעפּלעך, געפּליסטערט אין אַ ציטערדיק קאָל:

— קינדערלעך, מאַכטס אַ בראָכע! ס׳איז דאָך גאָטס גאָב! מאַלינעס, זיסע מאַלינעס...

די קינדער האָבן אַפּסניי זיך איינגעקוקט אין די רויטע פאַרקישעפטע קעפּלעך, אויפגעהויבן זייערע גרויסע ליידיקע אויגן צום זאָקן, וואָס

האט דערווייל מיט זיינע אלטע ליפן געזויגן דעם זאפט פון די מאלינעס.

— וואס איז דאס אזוינס?... קען מען דאס עסן, זיידעשי?

זיי האבן באלד אין איילעניש געשטופט די מאלינעס אין די קליינע איינגעפאלענע מיילער, וואס האבן זיך פארויטלט בא די ליפן ווי פון ווארעמע בלוט־פלעקן. זיי האבן טייקעף דערפילט זייער פרעמדע אויסטערלישע זיסקייט און אפסניי אויסגעצויגן זייערע הענטלעך. דער פעטער כיל האט זיך קוים ארויסגעריסן פון זיי, בעיס די קינדער האבן אים נאך א שטיקל וועג נאכגעיאגט ווי די נישט־גוטע אין א כאלעם. ער האט זיך געלאזט מיטן קרומען געסל אראפ אין געטא אריין. ער האט געוואלט נאך ברענגען אביסל פרוכט פאר מינדלען. פונדערווייטנס האט ער נאך געזען ווי די קינדער ציען צו אים זייערע הענטלעך און לעקן אן אויפהער די רויטקייט פון די צעקוועטשטע מאלינעס.

***

מינדל האט גראד געהאלטן באם איבערלופטערן די אלטע מאלבושים נאך דער פארשטארבענער מאמען ווי ס'האט זיך געעפנט די טיר. דער פעטער כיל איז געשטאנען מיטן טאלעס־זעקל אף דער שוועל. מינדל איז שוין געווען א דערוואקסן מיידל, מיט אן אויפגעהויבן דאר קעפל, וואס איז קוים געזעסן אף די אראפפאלנדיקע מיידלשע אקסעלעך. זי איז געווען הויך און אויסגעוואקסן, בעיס אירע האר, שיטערע און געקרייזלטע, האבן געהאט אן אפגלאנץ פון דער טונקעלער רויטלעכקייט פון פעטער כילס בארד. די גאנצע מישפאכע האט געהאט די זעלבע רויטלעכע האר. דאס גאנצע לעבן געדענקט נישט מינדל, אז דער פעטער כיל זאל האבן אמאל געקומען אין שטאט אריין פון ריינעם פעלד. זי געדענקט אים נאר פון דעמלט, ווען אין דער מישפאכע איז עמעץ אפגעשטארבן. אויך דורך די פאר געטא־יאר איז ער קיינמאל נישט געקומען אהער. איצט, אז ער איז שטיין געבליבן אפן שוועל פון כיידערל, האט מינדל אזש א געשריי געטאן פאר פאכעד פאר דעם דאזיקן פרעמדן ייד. זי האט אים א רעגע אנגעקוקט מיט דערשראקענע בליקן. דער פעטער כיל אליין האט זיך דערנענטערט צו איר, אויסגעשטרעקט די האנט און ווייך א זאג געטאן:

— ביסט מינדל, מיין שוועסטערקינד?

— פעטער כיל! — האָט זי אויסגעשריען, אוועקוואַרפנדיק די מאָל־בושים און געפאַלן אַף זיינע אויסגעשטרעקטע ביידע האַריקע הענט.
זי האָט זיך צעוויינט און געהעשעט אַף זיינע הענט.

דער פעטער כיל האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן מיט די פאַרבאַהאַל־טענע ליפּן, וואָס זיינען געלעגן פאַרדעקט אונטער זיין באָרד. ער האָט זיך פאַמעלעך אוועקגעזעצט אַפן קאַנט פון דער פּריטשע. שווייגענדיקער־הייט האָט ער דערנאָך מיט פאַרזיכטיקע פינגער אָנגעהויבן אַרויסקלויבן פון טאַלעס־זעקל די קליינע רויטע מאַלינעס און זיי געלייגט אַף מינדלס ציטערדיקע הענט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום עמער, אָפּגעגאָסן דאָרט נעגל־וואַסער און אַרויסגעצויגן דעם טאַלעס. ער האָט אים אַרי־בערגעוואָרפן איבערן קאָפּ און איבער דער רויטער צעפּאַלדעוועטער באָרד, אַזוי, אַז מ'האָט אים לאַכלוטן נישט אַרויסגעזען. ער איז געשטאַנען אין ווינקל ווי אַ פאַרדעקט שמאָל שענקל. די ווייסע פּאַסן פון טאַלעס האָבן אַף זיך דאָ און דאָרט געהאַט רויט־לעכע רונדיקע פלעקן פון גאָטס שיי־נער און ערדישער פּרוכט. אַז מינדל איז געשטאַנען פונדערווייטנס און זיך איינגעקוקט אַ פאַרבלעפטע אינעם דאַוונדיקן פעטער כיל, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די פינטעלעך זיינען אַלע קליינע פאַרויטלטע שטערן אַפן הימל, וואָס בלינצלען צו איר אַהער פון אַ פרעמדער, אָפּגעשטאָר־בענער וועלט.

די מאַכשאָווע, אַז ער איז אַהערגעקומען דאָ אָפּטאָן אַ גרוים שלי־כעס פאַר די לעבעדיקע, האָט אין אים געלויכטן ווי אַ גלי־ווערעמל אין דער פינצטערניש פון זיין האַרץ. מיטכילעס האָט ער נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס דאָס וועט זיין, נאָר אַ העלקייט האָט געפּראַלט אין זיין האַרץ, ווי אַן אויפגייענדיקע זון. און די זון האָט אַלץ מער און מער צע־שאַרט די שווערע נעפּלען, וואָס זיינען געהאַנגען אַף זיין פּאָנעם. אַז דאָס שוועסטערקינד מינדל האָט זיך צומאַרגנס אויפגעכאַפּט ווי נאָר ס'האָט זיך אַריינגעזיפּט דער טאָג, איז דער פעטער כיל שוין געשטאַנען אַף די פיס. ער האָט צו איר גערעדט ווייטע נישט פאַרשטענדלעכע רייד, וואָס האָבן צוערשט אָנגעפּולט איר האַרץ מיט מיידלשער שרעק. זי האָט אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס דער פעטער וויל פון איר. ער האָט רעדנדיק יעדע רעגע צעלופּטערט זיין טונקל רויטע באָרד, אויפגע־פּראַלט גרעסער די אויגן צווישן די אַראָפּהענגענדיקע געדיכטע ברעמען

און געהאלטן אין איין דערמאנען, אז זיי דאַרטן, די טויטע קעהילע, האָבן אים דאָ אהערגעשיקט, קעדיי אויסצופירן גאָטס שליכעס. זי האָט אָנגע־הויבן מוירע קריגן פאַרן אַלטן ייד, וואָס איז געשטאַנען אין קליינעם כיי־דערל און זי פאַרשאָטן מיט פרעמדע רייד, וואָס האָבן געפלאָמט מיט הייסע נאָענטקייט פון גאָט, פון טויט און הייליקן יידישן גוף. זי האָט זיך אין איר מיידלשן פּאַכעד צוריקגעצויגן אין ווינקל און געוואָלט מאַכן א געוואַלד, וואָרעם דער אַלטער ייד, פון וועלכן ס'איז געגאַנגען אַן אויפ־הער דער קילער אָוועך פון אויפגעקאָפּעטער ערד, איז ווי א באַזעסענער געשטאַנען איבער איר מיט א פּאָר צעפלאַטערטע הענט, וואָס האָבן זיך געוואָרפן ווי די פליגל פון אַן אָדלער. זי האָט אַפילע ארויסגעלאָזט א קוויטש פון גרויס פּאַכעד, ווייל דעם פעטער כילס רייד האָבן אָנגעפולט דאָס קליינע כיידערל מיט הונדערטער פאַרשטאָרבענע און אַלע האָבן זיי געקניט צו איר, געבויגן זיך מיט די ביינערדיקע, איינגעפאַלענע, טויטע הערצער. לעסאָף האָט זי בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און, אז דער אַלטער האָט זי אָנגענומען פאַר א שפּיץ פינגער, האָט זי זיך געלאָזט פירן פון אים ווי א בלינדער לאָזט זיך פירן פון א זעעוודיקן.

דעם זעלביקן טאָג, באַלד אינדערפרי, האָבן ביידע, דער פעטער כיל און זיין שוועסטערקינד מינדל, זיך געלאָזט גיין פון הויז צו הויז, פון שטוב צו שטוב איבער די קליינע הויפלעך פון געטאָ. זיי האָבן זיך גע־נומען נאָכפרעגן וואו ס'איז עמעצער כאָלילע אָפּגעשטאָרבן. און אז מ'האָט זיי אָנגעוויזן דאָס אָרט האָבן זיי אָנגעבאָטן צו טאָן דעם מעס זיין לעצט רעכט: אים ארומוואשן אַביסל און עפּעס־וואָס אָנטאָן אָפּן לייב. זיי האָבן זיך ביידע איינגעטיילט מיט דער אַוועדע — דער פעטער כיל האָט זיך מיסאַסעק געווען מיט מאַנצבילן און ייִנגלעך און מינדל — מיט ווייבער און מיידלעך. מען איז געגאַנגען פון הויף צו הויף און פאַר זייער מי באַ־קומען שיע־פּיע. יידן פון געטאָ האָבן געוואוסט, אז דער דייטש פאַר־באָט דאָס צו טאָן. וואָרעם דער דייטש האָט אָפּגענומען באַם ייד אין גע־טאָ ניִשט בלויז זיין לעבן נאָר אויך צוגענומען אים דאָס רעכט צום נאָ־קעטן, אָפּגעשטאָרבענעם גוף. דער דייטש האָט פאַרשוועכט אויך דעם יידישן טויט. יידן האָבן מיטכילעס מוירע געהאַט אויסצוגעבן די טויטע, נאָר לעסאָף האָט זיי דער אויסטערלישער ייד פון בייסוילעם איבערוועל־טיקט. זיי האָבן ביידע, דער פעטער כיל און מינדל, געוואשן די טויטע

בעסאָד, זײ אָנגעטאָן אין וואָס עס איז און טפֿילע געטאָן. זײ האָבן עס געטאָן פֿון זון־אויפֿגאַנג ביז די שטערן האָבן זיך געוויזן אין די שיטערע הימל־געוועלבן איבערן געטאָ. און כאָטש דער פֿעטער כײל האָט די אַרבעט קײנמאָל אין זײן לעבן נישט געטאָן, איז זי אים געוואָרן אַ הײליקע און נאָענטע. די פֿערציק יאָר אויפֿן פֿעלד האָבן אים נישט געבראַכט אַזוי נאָענט צום טויט ווי טאַקע איצט דאָ, צווישן די נאָך לעבעדיקע ייִדן אין געטאָ. ער איז דערגאַנגען, אַז דער טויטער מענטשלעכער גוף איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי דאָס בעהאַדראָגעדיקע מענטשלעכע אָפּשטאַרבן. ערשט אינעם שטאַרבן פֿון די ייִדן איז אין אים אויפֿגעגאַנגען די גרויסע טויט־מאַגײפֿע. דער נאָך לעבעדיקער ייִדישער גוף, וואָס פֿאַלט בײסלעכ־ווײז אײַן, איז שוואַרצער און טיפֿער ווי דער טויט אַלײן. ערשט אין דער גסיסע פֿון ייִדישן גוף האָט ער דערפֿילט די בײזע האַנט פֿון באַשעפֿער און דאָס גרויסע גרימצאָרן, וואָס איז געפֿאַלן אויף די קעפּ פֿון ייִדישן פֿאָלק. די טויטע ייִדן זײַנען מער נישט געווען די אַמאָליקע טויטע. דאָס איז געווען אַ טויט אַן אַנדערער, אַ טויט אַ ווײַטער, אַ נישט מענטשלע־כער, אַ פֿאַרבאָרגענער און סוידעסדיקער, ווי ער וואָלט געקומען פֿון טונ־קעלע וואַסערן און זומפּיקע טהאָמען, פֿון אַ ווײַטער נישט מענטשלעכער וועלט. און אויך די לעבעדיקע אָרום, וואָס האָבן איבערגעגעבן דעם נאָ־ענטן נאַקעטן גוף פֿון באַרמינען האָבן אין זײערע אויגן שוין געהאַט עפּעס אַ ווײַטן, גרינעם גלאַנץ פֿון לעצטע מענטשלעכע ראַיוינעם פֿון אַ בײזער מענטשלעכער ערד.

ערשט באַנאַכט זײַנען בײדע, דער פֿעטער כײל און מינדל, אַרײַנ־געפֿאַלן פֿאַרמאַטערטע אינעם קלײנעם כײדערל. דעמאָלט ערשט האָט זיך מינדל געשטעלט קאָכן אַביסל שיטערס פֿון גרוי־גרינלעכע קראָפּעווע־בלע־טער. נאָכן נאַכט־עסן איז דער פֿעטער כײל אַזוי גיך נישט געגאַנגען שלאָפֿן. עפּעס איז דער שלאָף פֿון אים אַוועק און די אויגן פֿולע, אָנגעלאָפֿענע מיט אַ וואַסערדיק הײטל האָבן געהאַלטן אין אײן קלעפּן אינעם דרויסן. ער איז שאָען אָפּגעשטאַנען לעבן ווענטל און זיך צוגעהערט צום ווינט, וואָס איז געגאַנגען צום לײדיקן הימל. דער ווינט אין געטאָ טראָגט טאָמיד מיט זיך אַ כליפּעדיק געוואָי באַנאַכט ווי דאָס העשן פֿון געשאָכטענע קינדער. ער האָט טײלמאָל אויפֿגעהויבן דעם שטערן, אים אָנגעלענט אויף דער פֿינצ־טערער קילקײט פֿון דער שויב און געוואָלט זען דעם בלײכן, אַדורכשווי־

מענדיקן וואָלקן, וואָס האָט זיך געשאַרט ווי אַ פינצטער שיפל איבערן דעכל. מינדל פלעגט שוין דעמאָלט לאַנג שלאָפן אַף דער פּריטשע און פלעגט טאָמיד עפּעס מורמלען פון כאָלעם אַרויס. נאַכט נאָך נאַכט האָט זי אַפּס־גיי אין כאָלעם אונטערגעהאַלטן און אַרומגענומען די געלע איינגעפאַלענע מיידלשע גופים, זיי איבערגעוואַשן און אָנגעטאָן אין צעריסענע קליידלעך און העמדלעך. ערשט טיף אין דער נאַכט האָט זיך דער פעטער כיל אַראָפּ־געלאָזט אַפן דיל, אונטערגעלייגט דעם טאַלעס־זאַק צוקאָפּנס און אַריבער־געוואָרפן איבער זיך עפּעס אַן אַלט מאַלבעש. דורך דעם קליינעם, שוואַרצן שויבן־רעמל האָט זיך די גאַנצע צייט געוויגט אַ גרין פינטל און נישט געוואָלט אַוועקגיין — דאָס איז געווען אַ ווייטער, גרין־פינקלענדיקער שטערן, וואָס האָט דאָ אַריינגעקוקט אין כיידערל ווי גאָטס אייביק וואַך אויג. ער איז געהאַנגען, דער פינטל, אַזוי ווייט און דאָך האָט דער פּעטער כיל אים געזען אַזוי נאָענט, ווי ער וואָלט טאַקע געהאַנגען דאָ איבער דער שויב. זיין קישעפדיק ליכט האָט געפליצט מיט ווייסע ליכט־פּאַסיק־לעך אין כיידערל ביז צו די אויגן זיינע.

אנומלט באַנאַכט האָט דער פעטער כיל אין שלאָף־ווינקל געהאַט אַ לאַנגן, אויסטערלישן כאָלעם. און עפּשער איז דאָס גאָרנישט געווען קיין כאָלעם, נאָר אַ זעונג, ווייל די גאַנצע צייט האָט איבער זיינע אויגן גע־לויכטן דער גרינער פינקלענדיקער שטערן פונדרויסן. עס האָבן זיך אויס־געשטעלט פאַר אים אין אַ קרייז צענדליקער יידן, יונגע און אַלטע, מיט שמייכלען לויזע און טרויעריקע און מיט פּענעמער, וואָס האָבן געטראָגן אין זייערע פאַלדן נישט ערדישע טנועס און האַוואַיעס. זיי זיינען אַלע געווען אָנגעטאָן אין ווייסן און נאָר די לאַנגע פלאַטערנדיקע אַרבל זיינען אַראָפּגעהאַנגען איבער זייערע הענט, וואָס האָבן געשטעקט טויט־פאַר־גליווערטע אונטער דעם געוואַנט. קיין פיס האָט מען פון אונטער די לאַנגע קליידער נישט אַרויסגעזען און דאָך זיינען זיי געגאַנגען צו אים באָרוועסע און לייכטע, ווי זיי וואָלטן געטרעטן איבער גראָז. זיי האָבן אים אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן. פלוצים האָבן זייערע פּענעמער אָנגעהויבן לויכטן מיט אַ ליכט, פון וואָס דאָס גאַנצע ווינקל איז געוואָרן פאַרפלייצט. דאָס ליכט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, פון אַלע פענצטער־שפּאַלטן און די גאַנצע צייט איז געהאַנגען אינדרויסן דער לויכטנדיקער אָוונט־שטערן. מיטאַמאָל האָבן זיך אַלע קעפּ און פּענעמער צו אים אַ בייג געטאָן, גע־

פּרואווט אים אָננעמען פאַר די הענט. ער האָט באַשיינפּערלעך געהערט ווי זיי פּליסטערן צו אים: „רעבע, רעבע — זייט אונדז מעטאהער!...״ ער האָט זיך אין שלאָף גאָרנישט געשראָקן, פאַרקערט, ער האָט געפּרואווט זיך אונטערהייבן אַף די פיס און זיי דערלאַנגען דעם עלנבויגן. זיי האָבן אים גענומען אַ לייכטן און שוועבעדיקן, אונטערן אָרעם. אַרומגערינגלט מיט דער מאַכנע ווייסע יידן איז ער געגאַנגען פאָרויס, בעיים די ווענט פון כיידערל זיינען זיך צעגאַנגען ווי שפּינוועבס. זיי זיינען אַרויס אַפן הויף, וואו ס'איז נאָך געהאנגען דער נאַכט־הימל און דער איינאיינציקער, גרויסער, לויכטנדיקער אָוונט־שטערן האָט זיי באַגלייט איבערן גאַנצן וועג. זיי זיינען אַרויס איצט אַפן שיינעם ביימער־וועג, וואָס פירט צום ריינעם פעלד. די ביימער זיינען זיי אַקעגנגעגאַנגען, פאַרשאָטענע מיט בליעכץ. זיי האָבן געהאַלטן אין איין זינגען. און דאָס געזאַנג, אַזאַ געמיש פון בלעטער־רויש און רעגנפאַל, איז נישט געוואָרן קלענער, נאָר וואָס נענטער זיי זיינען צוגעקומען צום ריינעם פעלד, אַלץ זילבערנער האָט זיך געריסן דאָס געזאַנג, אי פון די ביימער אי פון דער ערד, אַזוי, אַז ער האָט שוין באַשיינפּערלעך געהערט ווי דאָס דאָזיקע געזאַנג רייסט זיך פון אונטער די טויטן־בערגלעך. עס האָט זיך געגאָסן ווי אַ באַהאַלטענער טייך און די גאַנצע צייט האָט זיך צווישן זיינע זילבערנע כוואַליעס געשפּיגלט דאָס ליכט פון דעם איינאיינציקן שטערן אַפן גרינלעכן נאַכט־הימל.

***

צומאָרגנס באַלד אינדערפרי, נאָך דעם דאָזיקן כאָלעם, האָט זיך דער פעטער כיל אויפגעכאַפּט פון ווינקל מיט אַן אומרויק ברוסט־קלעמונג. די באָרד האָט זיך אים אַזש געהויבן אַרויף און אַראָפּ איבערן צעפּלאָשעטן האַרץ. ער האָט קוים זיך אַוועקגעשטעלט אַף די פיס און צוגעגאַנגען צום פענצטערל. אומהיימלעכע קוילעס האָבן זיך געטראָגן פון די נידעריקע דעכלעך. איינמיטן נאַכט האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן. דער דייטש האָט אין געאייל אַרויסגעפירט די לעצטע יידן. אין דער נאַכט־שטילקייט האָבן זיך פון די וואָלקנס, וואָס זיינען געשוואומען פון די מיזרעכדיקע ווייסל־וואַסערן, שוין געטראָגן ווייטע אָפּהילכן און זיך צעשיט איבער די דעכלעך ווי אַ זינגענדיקער, דערלייזנדיקער רעגן.

ווען דער פעטער כיל מיט מינדלען זיינען ווי יעדן טאָג ארויס פון טויערל, קעדיי צו וואַשן די געטאָ־טויטע, זיינען שוין פון אַלע געסלעך געפאָרן די וועגענער, אָנגעשטאָפּט מיט קינד-און־קייט. אַף אַ קליינעם מערכעק פון דאַנען, לעבן מאַרק, זיינען געשטאַנען די דייטשן, זיך צוגעקוקט צו דער בעהאָלע, בעיים מאַנכע פון זיי זיינען ארומגעלאָפן איבער די הויפלעך, געבישטערט אין די באַהעלטענישן, ברונעמס און בוידעמער און פון דאָרט געטריבן די יידן אַף די ליידיקע ראָל-וועגענער. די יידן זיינען געשטאַנען אַפן וואָגן, געקוקט איבער זיך אין דער טויבלעכער, ליידיקער הימל־בלאָקייט אריין. זייערע אויגן האָבן געקוקט פאַר זיך שאָטנהאַפטיקע, אויסגעלאָשענע, ווי אָפּגעשטאָרבענע וואַסערלעך. דער פעטער כיל מיט מינדלען זיינען קוים ארויס פון טויערל ווי פון אַ ליק איז צו זיי אַרויסגעשפרונגען אַ הויכער דייטש. מינדל האָט אַ דערשראָקענע ארומגעכאַפּט דעם פעטער כיל פאַר דער יופּיצע און געזוכט שוץ אין אים ווי בא אַ גרויסן, שוואַרצן פליגל. דער פעטער כיל אַליין האָט נאָר אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַביסל העכער ווי טאָמיד, און געקוקט דעם דייטש גלייך אין פּאָנעם אריין.

זיי זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן אַ לאַנגע ווײַלע און טיף און דורכדרינגלעך אריינגעלאָזט די בליקן איינער אינעם צווייטנס אויגן. זייערע בליקן האָבן זיך געגליטשט, ווי צוויי שפּיציקע פיילן, אַזוי ווי דאָס טוען צוויי פיינטלעכע כאַיעס אָדער פייגל, וואָס טרעפן זיך פּלוצים אין אַן אורוואַלד. דער ייד מיט דער צעשויבערטער רויטלעכער שוואַרצקייט פון זיין באָרד, מיט די געדיכט־באַברעמטע יידישע ווייכע אויגן, מיט די אָנגעוואַקסענע, ווילדע קופּקעלעך שוואַרצע האָר איבערן קאָרק און די גרוילעכע פייע־פּאַסמעס און סטאַם באַוואַקסנקייט פון די אויעדן-לעכער — בעיים דער דייטש איז געשטאַנען אַ ווייסער, אַ דורכזיכטיקער, אַ גליטשיקער ווי אַ פיש. און אַן אויסגעשטרעקטער מיט זיין הייכקייט איבערן ייד, ווי אַ הילצערנער, צעשפּרייטער ציילעם. ער האָט געטראָגן אַ זייער ווייס העמד און ברוינע, גלאַנציקע הענטשקעס האָבן באַקליידט זיינע לאַנגע, דאַרלעכע, שפּיציקע הענט. זיי זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן ווי טאָג און נאַכט, ווי צוויי באַשעפענישן פון צוויי פרעמדע פּלאַנעטן, וואָס האָבן זיך דאָ פּלוצים געטראָפן אַף דער ערד. דער ייד האָט געזען, אַז דעם דייטשס אויגן זיינען וואַסערדיק־בלוי,

ווי כּיילעוו און זיינע באַקן — גלאַטיק־בלויליכע, באַדעקט מיט דינע אָנגעלאָפענע בלוט־שנירעלעך. פון ביידנס אויגן, וואָס האָבן זיך דאָ אַזוי פּלוצים צוזאַמענגעטראָפן, איז אַנטשטאַנען אַ מין פייערדיקער פונק, פון וואָס די ביידע מענטשן האָבן זיך אַ רעגע אַ וואַקל געטאָן. זיי זיינען באַלד אָפּסניי געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן און זיך שווייגעדיקער־הייט אָנגעקוקט. דאָס האָט געדויערט נאָר אַ רעגע, אָבער פאַר ביידן האָט דאָס אויסגעוויזן צו דויערן אַן אייביקייט. אַרום דעם דייטשס כּיילעוונע אויגן האָט ווי אַ מעסער אַ שניט געטאָן אַ צוק, וואָס האָט געצאַפּלט מיט שפּאָט, גוואַורע און באַפעלערישקייט צום דערנעבן שטייענדיקן ייד, ווי איבער אַ פינצטערן, קראַנקן וואָרעם. דער ייד האָט אָבער אויסגעהאַלטן דעם דייטשס בליק און נאָר אַ רעגע אַ פינטל געטאָן מיט די געדיכט־באַברעמטע אויגן. ער איז געשטאַנען לעבן אויסגעצויגענעם דייטש מיט יידישער געבראָכנקייט און האַכנאָע, אָבער מיט אַ געצווימטער שטילקייט און רו, וואָס קומען פון דוירעסדיקער געפּרואוווטקייט און מיט ביטאָכן אין ענדגילטיקן ניצאָכן פון גאָט אַף דער ערד. די ביידנס בליקן האָבן זיך געקרייצט, איינגעהאַלטן זיך אַף אַ ווייל און אין זייער צוזאַמענטרעף איז געלעגן דער צוזאַמענשטויס פון צוויי באַזונדערע געטער. בעיס דער דייטש האָט געקוקט צום ייד פון אויבן אַראָפּ און שוין געווען זיכער אין זיין ניצאָכן איבער דעם ווילד־באַוואַקסענעם באַשעפעניש, וואָס וועט באַלד זיך קראַמפּן באַ זיינע פיס — האָט דער ייד נאָר אַ הייב געטאָן זיין שטערן און אַף אַזאַ אויפן ברייטער פונאַנדערגעעפנט זיינע פאַר־וואַקסענע אויגן, וואו דער דייטש האָט אַריינגעקוקט ווי אין אַ פינצטערן פייער־שפּייענדיקן טהאָם. דערנאָך איז אַלץ שוין געשען אַזוי בליציק, אַז דער דייטש האָט אַפילע נישט באַוויזן זיך אַ באַוועג צו טאָן: דעם יידנס ביידע שוואַרצע, אַלטע הענט זיינען געלעגן ווי שטאָלענע רייפן אַפן גליטשיקן כּיילעוודיקן האַלדז פונעם דייטש.

מינדל האָט פון פאַכעד אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן מעשונעדיקן קוויטש. זיי זיינען ביידע געפאַלן, דער פעטער כּיל מיט דייטש, איינער איבערן צווייטן אַף דער ערד ווי צוויי קנוילן, בעיס דעם יידנס שוואַרצע הענט האָבן אַלץ נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם גליטשיקן, ווייכן האַלדז פונעם דייטש. דעם איינגעקראַמפּטן האַלדז האָט פאַרפעלט לופט און זיינע הענט האָבן געצאַפּלט. די ביידע גופים האָבן זיך געקאָלערט אַף דער ערד, בעיס

פון זייערע מיילער האָט געזעצט אַ שווערע סיטשענדיקע לופט. עפּעס באַהאַלטענע קויכעס זיינען אָנגעפלאָסן אין יידנס הענט, וואָס האָבן זיך אַלץ מער איינגעביסן אינעם דייטש. אָט איז דער דייטש געווען אין דער הייך און באַלד ווידער איז זיין דאַרער צעצויגענער גוף געלעגן אונטער דעם אַלטן קאַברענס צעבראַסטעטער ברוסט. ביידע גופים האָבן זיך איינגעגעסן איינער אינעם צווייטן. דער געראַנגל צווישן די ביידע מענטשן האָט געדויערט אַ קורצע ווילע און איז געשען אַזוי בליציק, אַז די זייטיקע דייטשן האָבן זיך ערשט אַ כאַפּ געטאָן דעמלט, ווען ביידע גופים זיינען שוין צונויפגעקנוילטע געלעגן אַף דער ערד. באַלד האָט אַ שאַרפער ברי אַ שניט געטאָן דעם פּעטער כיל אין דער פּלייצע נאָענט באַ דער זייט, ווי אַ שטאָך פון אַ נאָדל. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָבן דעם פּעטער כילס פינגער אָפּגעלאָזן דעם דאַרן איינגעדושעטן האַלדז פונעם דייטש.

דער דייטש איז אויפגעשפרונגען דער ערשטער פון דער ערד. די איבעריקע דייטשן האָבן עפּעס געלאַכט, בעיס דער פּעטער כיל איז נאָך אַ׳ רעגע געלעגן אַף דער ערד. באַלד האָט ער זיך אויך אויפגעשטעלט און מיט וואַקלענדיקע פיס געגאַנגען צום וואָגן פאָרויס. מינדל איז צו אים צוגעלאָפן און אים אונטערגעהאַלטן. ער האָט געשפּירט אַ וואַרעמקייט אין דער פּלייצע, ווי עמיצער וואָלט דאָרט געטעמט אַף אים מיט אַ נאָענטן הייסן אָטעם. די יידן אַפן וואָגן האָבן אים דערלאַנגט די האַנט און געהאָלפן אַרויפגיין. זיי זיינען ביידע איצט געשטאַנען, דער פּעטער כיל און מינדל, איינגעקוועטשטע צווישן די יידן, וואָס האָבן עפּעס אָן אויפהער געשעפּטשעט. זי האָט געהאַלטן אין איין אַרומווישן זיין פּלייצע פון פליסנדיק בלוט, וואָס איז געווען שוואַרצלעך און געדיכט. ער האָט מיט זיין שווערן גוף זיך אָנגעלענט אַף די יידנס הענט, וואָס האָבן אים אונטערגעהאַלטן. ער האָט געפילט ווי די קויכעס לאָזן אים אָפּ און עס דערנענטערט זיך דער סאָף. און אַזוי שטייענדיק האָבן זיינע ליפּן אָנגעהויבן עפּעס צו מורמלען — שטום און איינגעשוויגן. ער האָט שטילערהייט געדאַנקט דעם באַשעפער וואָס ער געפינט זיך צווישן אַזוי פיל יידן, אָבער באַלד איז אים באַפאַלן אַ פּאַכעד און אַ פאַרביטערונג פאַר אַ טויט אַ מעשונעדיקן אַ גישט-יידישן. ער האָט מיספּאַלעל געווען, אַז דער באַשעפער זאָל אים אין דער לעצטע רעגע אָפּדינען מיט אַ טויט אַ מענטשלעכן אַף דער זעלבער ערד, וואו ער האָט באַדינט דעם יידישן גוף. ער האָט

געבעטן אפֿן טויט ווי לאַנג ס'איז נאָך דאָ אײַנאײַנציקער ייִד אין געטאָ. די ייִדן אַרום האָבן אים נישט געלאָזט פֿאַלן פֿון די פֿיס, אים אונטערגעהאַלטן, בעיִס אַ־טער זײַערע שיך האָט זיך וואָס אַמאָל מער צעשפּרייט דאָס שוואַרץ־רויטלעכע בלוט, וואָס האָט נאָס געמאַכט די ברעטער פֿון וואָגן.

דער וואָגן מיט די ייִדן איז דאָסמאָל נישט אַרויסגעפֿאָרן צום באַן־פּלאַנט. ער האָט פֿאַרקערעוועט מיט די הינטערגעסלעך צום ברייטן, גרינעם וועג גלײַך צום רײַנעם פֿעלד צו. דער וועג אַהינצו האָט געפֿירט אײנעם ווײַכן, פֿלושענעם שאָטן פֿון די קאַשטאַן־ביימער. בעיִס דער וואָגן איז דאָ אַרײַנגעפֿאָרן אין די שאָטנס איז איבער די ייִדנס קעפּ געפֿאַלן אַ רעגן פֿון צעריסן ביימער־בליעכץ. אַפֿן פֿעלד האָט דער פּעטער כיל אַפֿילע נישט געוואוסט ווען און ווי אַזוי ער איז אַרונטער פֿון וואָגן. זיי האָבן אים געהאַלטן באַזונדער, די דײַטשן, ווײַט פֿון דער אײדעע און געגרייט פֿאַר אים אַ טויט אַן אַנדערן, אַן אויסטערלישן, ווי פֿאַר דעם רעשט ייִדן. מינדל האָט די גאַנצע צײַט אים געפֿירט אונטערן אָרעם ביז ער איז אַראָפּגעזונקען אַף דער ערד. ער האָט געזען, אַז זײַן טפֿילע איז נישט אָנגענומען געוואָרן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער דאָס לעצטע מאָל אַ קוק געטאָן אַף מינדלען. אין אירע אויגן האָט זיך געלאָשן דאָס לעצטע פֿיצל הימל, וואָס איז געהאָנגען אַפֿן רײַנעם פֿעלד. ער איז געלעגן אַפֿן בערגל בעיִס מינדל האָט די גאַנצע צײַט נישט אָוועקגענומען אירע הענט פֿון דער פֿאַרבלוטיקטער זשופּיצע. ער האָט גאַכאַמאָל אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, בעיִס די דײַטשן האָבן זיי בײדע אַרומגערינגלט אין אַ קרײַז. מיטן אויג האָט ער אַרומגענומען די נידעריקע טויטן־בערגלעך, די פֿאַרצײַטיקע אָיהעלס, וואו ס'האָבן גערוט דווירעס גוטע ייִדן. די אויהעלס האָבן איצט מיט זייערע רויטע שינדל־דעכלעך געבלאַנקט קעגן דער זון און די זון איז געהאַנגען גראָד אינמיטן הימל אַ פֿולע, אַ זילבערנע. ייִדישע טפֿילעס, אויסגעמישט מיט געשריי זײַנען געהאַנגען אין דער לופֿט. אַ וואַרעמער רייעך פֿון אויפֿגעקאָפּעטער ערד איז געגאַנגען פֿון די פֿעלדער. דער געשמאַק פֿון רויטע מאַלינעס איז ווי אַ ווײַך פֿאָרהאַנג געפֿאַלן איבער די ייִדנס אויגן. גאָטס רײַפֿע, קישעפֿדיקע פֿרוכט איז שוין געווען איבערצײַטיק, שווער און אָנגעשוואָלן מיט אַ בלוטיקער זאַפֿטיקער פֿליסיקייט.

אינהאַלט:

זייט

ניקי	7
גאָלדענע יויך	25
„ודברת בם...״	39
דער רעבע פון סאַמפּאָלנע	49
אַבראַשאַ גייט צום גיעמאַן	57
מאַכעלע	63
נאָך מינכע	75
אַ ייד פון בייסוילעם	81

☆

ביכער פון זעליקן מעכאַבער:

מיטן פּאָנעם צו דער זון, לידער — 1930.

מאַלכעס־געטאָ, נאָוועלן — 1947.

שטערן איבערן געטאָ, נאָוועלן — 1948.

פאַרלאַג „איקוף"

א. סוצקעווער

ווילנער געטאָ

פרייז 10 פעזעס.

אַלעקסאַנדער בעק

פאַנפילאָווס מענטשן

יידיש מ. וואָלאָנסקי

געבונדן אין קאַרטאָן 8 פ., אין לייוונט 10 פ., לוקסוס-אויסגאַבע 12 פ.

שאָלעם אַליינכעם

דאָס מעסערל

פרייז 1 פעזע

סימכע פענע

בלעטער אָפן ווינט

בראָשירט 6 פעזעס, געבונדן אין לייוונט 9 פעזעס

זישע ווייַנפער

דער גילדענער האָן

בראָשירט 6 פעזעס, געבונדן אין לייוונט 9 פעזעס

צאַלעל בליך

טרוימען אנגעטאָן אין שטאָל

שירט 11 פ., געבונדן אין לייוונט 14 פ., לוקסוס-אויסגאַבע 16 פ.

צאַלעל בליך

טשערנאָוויצער קאָנסטיטוציע

פרייז 1 פעזע

פ. קאַץ

געקליבענע שריפטן (אין 9 בענד)

א גאַנג געבונדן אין לייוונט 75 פעזעס, לוקסוס-אויסגאַבע 120 פעזעס.

פאָרטרעטן פון מענדעלע מוכער ספאָרים

פרייז 50 סענט

EDITORIAL "ICUF"
Valentín Gómez 3245 :: T. E. 62 - 1002 :: Buenos Aires